STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10890

FARN KOVED FUN UNZER FOLK

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פארן כבוד פון
אונזער פאָלק

זאַמלונג וועגן געטאָ - אויפשטאַנד אין וואַרשע

אַפּריל-מאַי, 1943

די לעצטע טעג אין
דער וואַרשעווער געטאָ

פון צביה לובעטקין

— ארויסגעגעבן פון —

אָרגאַניזאַציע פון יידן פון פוילן אין טאָראָנטאָ

דער גרעסטער טייל מאטעריאלן אין דעם בוך איז צוגעשיקט געוואָרן פון

„קיבוץ לוחמי הגטאות"
(קיבוץ פון געטאָ־קעמפער)

מדינת ישראל - 1961

ארויסגעגעבן פון:

אָרגאַניזאַציע פון יידן פון פוילן
טאָראָנטאָ - קאַנאַדע

אינהאַלט:

זייט

פאָרוואָרט, קלמן בערגער — 5

זאָג נישט קיינמאָל (פּאַרטיזאַנער הימן), הירש גליק — 7

די לעצטע טעג אין דער וואַרשעווער געטאָ, צביה לובעטקין — 8

„דער חלום פון מיין לעבן איז פאַרווירקלעכט געוואָרן״ מרדכי אניעלעוויטש — 26

דער יידישער אויפשטאַנד, יצחק צוקערמאַן — 28

צו די הימלען (קאַפּיטל פון „דאָס ליד פון אויסגע׳הרג׳עטן יידישן פאָלק״), יצחק קאַצענעלסאָן — 30

די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע, אנטשטייאונג און אנטוויקלונג — 32

יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פאַרערט געוועער — 43

די קולטור־טעטיקייט אין וואַרשעווער געטאָ — 45

עס ברענט, מרדכי געבירטיק — 49

מיט חלוצים, יצחק קאַצענעלסאָן — 50

די שעה האָט געשלאָגן, טוביה באָזשיקאָווסקי — 53

א באַריכט פונם קאַמפּס־פראָנט, שמחה ראָטהייזער (קאַזשיק) — 60

א קאַפּיטל תהילים (ליד געשריבן אין געטאָ) — 62

בריוו פון החלוץ אין פוילן צו דער הסתדרות אין ארץ־ישראל — 63

„בית לוחמי הגיטאות״, צבי שנער — 66

אילוסטראַציעס:

צביה לובעטקין — 8

מאָדעל פון וואַרשעווער געטאָ אין בית לוחמי הגיטאות — 12

מאָנומענט אין אָנדענק פון געטאָ־העלדן אין וואַרשע — 25

מרדכי אניעלעוויטש — 27

מאָדעל פון טרעבלינקא אומקום־לאַגער אין בית לוחמי הגיטאות — 58

„בית לוחמי הגיטאות״ אין ישראל — 67

פאָרוואָרט

אין טעג ווען די שפּאַלטן פון די צייטונגען זיינען איבערגעפילט מיט נייעס וועגן די צוגרייטונגען צום היסטאָרישן אייכמאַן־פּראָצעס אין ירושלים; אין טעג, ווען יעדעס יידיש הארץ האָט זיך אויפסניי אָנגעפילט מיט צער און ווייטאָק פון דעם ערשט־פאַרגאַנגענעם עבר — אין יענע טעג, האָב איך דערהאַלטן צוגעשיקט א בינטל כתבים פון בית לוחמי הגטאות — כתבים, וועלכע אנטהאַלטן אין זיך מאַטעריאַלן פון טראַגישע און העראָאישע טעג — פון די לעצטע טעג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.

איך האָב איבערגעלייענט צביה׳ס „די לעצטע טעג פון וואַרשעווער געטאָ״. איבער־מענטשלעכער העראָאיזם פון די נאָך איבערגעבליבענע געטאָ־אויפשטענדלער, וואָס זוכן א וועג דורך די קאַנאַלן ארויסצוראַטעווען זיך, בכדי צו קאָנען דערציילן פאַר דער וועלט וועגן די דייטשע אכזריותן און וועגן די העראָאישקייטן פון די קעמפּער. די פּאָר געבליבענע זוכן א וועג צו דער אנדערער זייט פון געטאָ, בכדי צו קענען אריבערטראָגן זייער קאַמף אין די וועלדער אלס פּאַרטיזאַנער, צו קעמפן פאַר א באַפרייטער וועלט.

איך לייען און טראַכט: איז דאָס מעגלעך, אז איך לייען א שילדערונג געשריבן פון א מענטש, וואָס האָט דאָס אַלץ איבערגעלעבט — איז דאָס פאַנטאַזיע אָדער ווירק־לעכקייט? איך פרעג און ווייס, אז יעדעס וואָרט איז געשריבן מיט בלוט און מיט א ציטערדיקער האַנט, בעת צביה דערמאָנט די קדושים, די יונג־פאַרשניטענע לעבנס, דורך דער דייטשער מערדערלעכער האַנט. איך לייען און קלער: אין וואָס פאַר־א וועלט לעבן מיר? ערשט 18 יאָר, ווען דאָס אַלץ איז געשען, טאַקע מיט אונדזער דור. און דאָך, ווען מען האָט געכאַפּט איינעם פון די הויפּט אָנפירער פון אונדזערע פאַרוויסטער — ווען די האַנט פון גערעכטיקייט האָט ענדלעך דערגרייכט איינעם פון די טויזנטער רוצחים וואָס באַהאַלטן זיך אויס, ווען אָט דער שונא פון יידן און פון אַלעם, וואָס איז מענטשלעך ווערט ענדלעך געבראַכט צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט, זעט נאָר וואָס עס טוט זיך! פּלוצים האָבן זיך געפונען מליצי יושר, אז טאָמער וועט מען חלילה אן עולה טאָן דעם רוצח — נישט בלויז צווישן די אומות העולם, נאָר אויך צווישן אונדזערע יידן, וואָס בעטן מדינת ישראל זי זאָל דעם תכשיט ארויסגעבן צום משפּט, צו אן אינטערנאַציאָנאַלן געריכט אָדער לכל הפּחות צו די דייטשן, זיי זאָלן אים משפּטן מיט איינזען. זיי האָבן מורא, די פיינשמעקער, אז טאָמער וועלן אונדזערע יידן אין מדינת ישראל נישט ארויסגעבן קיין גערעכטן משפּט צום רוצח — זיי האָבן מורא, זאָגן זיי, אז אונדזערע שופטים האָבן א יידיש הארץ און וועלן דעריבער נישט קאָנען זיין אָביעקטיוו און נישט קאָנען חלילה נאָך משפּטן דעם רוצח, ווען זייערע הערצער וועלן זיין איבערגעפילט מיט צער און ווייטיק צוליב דעם אומקום פון איבער א מיליאָן יידישע קינדערלעך.

איבערגעפילט מיט צער פון די שילדערונגען וואָס עס האָט זיך געטאָן אין די לעצטע טעג פון דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, און דורכגענומען פון חרפּה פון דעם, וואָס עס טוט זיך אויף די שפּאַלטן פון דער פּרעסע, בעת די צוגרייטונגען צום אייכמאַן־פּראָצעס —האָב איך געטראַכט, אפשר, אפשר וועט דאָס פאַרעפנטלעכן פון דעם געשריבענעם העלפן קלאָרער מאַכן, אָפּפרישן דעם זכרון פון דעם, וואָס עס האָט פּאַסירט, און טאַקע

אויך ווידעראמאָל און שטאַרקער ארויסברייינגען די קאָלאָסאַלע היסטאָרישע באַדייטונג פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק פון דעם גלאָררייכן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ? איך האָב דעריבער רעקאָמענדירט צו דער נישט-לאַנג אַנטשטאַנענער „אָרגאַניזאַציע פון די יידן פון פּוילן" אין טאָראָנטאָ, אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל אַלס איינע פון אירע ערשטע אויפגאַבן זיך אונטערנעמען צו דרוקן די מאַטעריאַלן און זיי פאַרעפנטלעכן אין אַ בוך-פאָרם, בכדי יעדע יידישע היים זאָל אויפסניי לייענען מיט שוידער וועגן די דייטשע אכזריותן. זאָל יעדעס יידיש הארץ אויפוואַכן אין די טעג פון משפּט איבערן רוצח אייכמאַן, נישט צו רוען, ביז אַלע אַנדערע מערדער וועלן געפינען ווערן און געשטעלט ווערן צום משפּט.

כ׳בין גליקלעך, וואָס די פאַרוואַלטונג פון דער אָרגאַניזאַציע פון די יידן פון פּוילן האָט מיין פאָרשלאַג איינשטימיק אָנגענומען. זאָל דאָס זיין אַן אָנהויב פון גוטער אַרבעט, וואָס די אָרגאַניזאַציע קלייבט זיך אונטערצונעמען, און פון די אויפגאַבן, צו וועלכע די אָרגאַניזאַציע האָט זיך פאַרפליכטעט.

זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן צום גוטן דער חבר אייזיק לעווין, וועלכער האָט אַ סך בייגעטראָגן צו מאַכן מעגלעך, אַז דאָס ביכל זאָל קענען דערשיינען.

קלמן בערגער

טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, אַפּריל 5־טן, 1961.

הירש גליק

זאָג נישט קיינמאל!

(פארטיזאַנער הימן פון ווילנער געטאָ)

זאָג ניט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
כאָטש הימלען בלייענע פארשטעלן בלויע טעג:
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס'וועט אַ פויק טאָן אונדזער טראָט—מיר זיינען דאָ!

פון גרינעם פּאַלמען-לאַנד ביז ווייטן לאַנד פון שניי
מיר קומען אָן מיט אונדזער פּיין, מיט אונדזער וויי,
און וואו געפאַלן ס'איז אַ שפּריץ פון אונדזער בלוט,
שפּראָצן וועט דאָרט אונדזער גבורה, אונדזער מוט.

ס'וועט די מאָרגן-זון באַגילדן אונדז דעם היינט,
און דער נעכטן וועט פאַרשווינדן מיטן פיינט,
נאָר אויב פאַרזאַמען וועט די זון און דער קאַיאָר,
ווי אַ פּאַראָל זאָל גיין דאָס ליד פון דור צו דור.

דאָס ליד געשריבן איז מיט בלוט און ניט מיט בליי,
ס'איז ניט קיין לידל פון אַ פויגל אויף דער פריי,
דאָס האָט אַ פאָלק צווישן פאַלנדיקע ווענט,
דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט.

טאָ זאָג ניט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג
כאָטש הימלען בלייענע פארשטעלן בלויע טעג.
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה —
ס'וועט אַ פויק טאָן אונדזער טראָט—מיר זיינען דאָ!

צביה לובעטקין

די לעצטע טעג אין דער ווארשעווער געטאָ

— — — די געטאָ האָט געברענט. טעג און נעכט איז זי געווען איינגעהילט אין פלאמען און דאָס פייער האָט געסמאַליעט און פארברענט יעדעס הויז. הויז נאָך הויז. גאס נאָך גאס זיינען אוועק מיטן פייער. זיילן רויך זיינען אויפגעגאנגען און פונקען האָבן געשפריצט און איבערן הימל איז געהאָנגען א רויטע, דערשרעקנדיקע שיין.

ס׳האָט געברענט די ווארשעווער געטאָ, די געטאָ פון דער גרעסטער יידישער קהלה אין אייראָפּע. אין דער געטאָ האָבן זיך געצאפּלט די לעצטע יידן — זיי האָבן זיך נאָך געציילט אין די צענדליקער טויזנטער — מיט די לעצטע גסיסה צאפּלענישן. ערשט צוריק מיט געציילטע טעג, אין אפּריל 1943, האָבן די דייטשן גערעכנט צו ליקווידירן דאָס דאָזיקע רעשטל, אוועקשיקן די פארבליבענע יידן מיט די טויט־וואַגאָנען קיין טרעבלינקע, אזוי ווי זיי האָבן געשיקט, אומגעשטערטערהייט, הונדערטער טויזנטער פאר זיי, אָבער דאָס מאָל זיינען זיי ציטערדיק צוריקגעטראָטן. דאָס מאָל האָבן זיי מקבל־פּנים געווען אָפּטיילונגען פון דער „יידישער קאמף־אָרגאניזאציע", וועלכע זיינען געשטאנען אין די ווינקלען פון די גאסן און אין די באהעלטענישן פון די חורבות, פארלייגט מינעס און געוואָרפן גראנאטן אויף די אָטריאדן פון זיך ציענדיקן לוסטיקן מיליטער, און די דייטשן זיינען צעטומלט געוואָרן, דערציטערט געוואָרן, אָפּגעטראָטן. אויף אזוינס האָבן זיי זיך נישט גערעכט. זיי האָבן פּרובירט איין טאָג, האָבן פּרובירט דעם מאָרגנדיקן טאָג, און יעדן מאָל האָבן זיי פּלוצים מקבל פּנים געווען דאָס יידישע פייער, און נאָך צען טעג קאמף האָבן זיי שוין נישט געוואגט אריינצוגיין אינעווייניק.

און דער שונא האָט אונטערגעצונדן די געטאָ, אין אָנהויב — פון דער לופט, און נאָכדעם, בעת מ׳האָט זיך צוריקגעצויגן, האָט ער זי אונטערגעצונדן פון די פיר ווינקלען, און אזוי ארום האָט ער געפייערט זיין נצחון פונדערווייטנס. ער איז געווען זיכער, אז דאָס דאָזיקע פארניכטנדיקע פייער וועט פארענדיקן מיט א שריפה־דערשטיקעניש דאָס, וואָס איז אים נישט געלונגען אין קאמף פּנים־אל־פּנים. אָבער, ווייזט אויס, אז ס׳איז נישט אזוי לייכט צו פארענדיקן מיטן דאָזיקן פאָלק. מיט די לעצטע לעבנס־קרעפטן האָבן די יידן געזוכט אן אנטרינונג, זיי האָבן זיך געריסן צווישן די חורבות און די פלאמען, דאָס פייער האָט זיי פאריאָגט פון די באהעלטענישן און פון די אונטערערדישע בונקערס, און

פיל זיינען לעבעדיקערהייט פארברענט געוואָרן און דערשטיקט געוואָרן פון רויך. אָבער גאַנצע בונקערס — מענער, פרויען און קינדער — זיינען ארויסגעגאַנגען פון דער ערד'ס אינגעווייד, האָבן געזוכט הילף. האָבן געוואָגלט, מיטטראָגנדיק מיט זיך די לעצטע עסנוואַרג־שיריים, טעפּ און איבערבעטן. קליינע קינדער זיינען געטראָגן געוואָרן אויף די הענט פון זייערע מוטערס, און גרעסערע קינדער האָבן זיך נאָכגעשלעפּט נאָך זייערע עלטערן און אין די אויגן — תהומות טרויער, צער, צעמישטקייט און א געשריי נאָך הילף . . . די אלע האָבן געוואָגלט און געזוכט אן אנטרינונג אונטער יעדן מויער, אין חורבות, וואָס האָבן שוין מער נישט געקענט ברענען, אין ווינקלען, וואָס דאָס פייער האָט נאָך דאָרט אזוי נישט געפלאַקערט. ווער קען דערציילן און שילדערן די אימה פון דער עדה יידן אין די פלאַמען?

איך וועל נישט פארגעסן יענע נאַכט, ווען די געטאָ איז אינגאַנצן אָנגעצונדן געוואָרן, פון אלע זייטן. איך האָב זיך געאיילט ביינאַכט פון מיין באהעלטעניש אין דרויסן ארויס — און ס'איז געווען ליכטיק ווי בייטאָג. דאָס גרויסע ליכט האָט דערשלאָגן און צעטומלט; ארום און ארום האָב איך געהערט דאָס ברויזן פון צעיושעטע פלאַמען, דעם קראַך פון איינפאלנדיקע בנינים, צעבראָכענע שויבן, און זיילן פייער זיינען ארויפגעגאַנגען ביז צום הימל און דאָס פייער האָט זיך אלץ מער און מער פארשפרייט און פארברענט, פארשפרייט און פארברענט . . .

* * *

דאָס זיינען געווען די טעג פון אָנהויב מאַי, 1943. דאָרטן, אין די גאַסן האָט געוויס אלץ געאָטעמט מיט פרילינג, אָבער פאר אונדז דאָ איז אויסגעלייגט געוואָרן דער שייטער־הויפן. מיר האָבן נישט געוואוסט, צי מ'וועט זיך קענען פון דעם ראַטעווען. מאַסן יידן, גרויסע און קליינע גרופּעס, זיינען נאָך ארומגעגאַנגען אין דער שטיל, אריבערגעגאַנגען פאַרזיכטיק פון איין הויף צום צווייטן הויף, אויסמיידנדיק די פלאַמען. אין א הויז ברענט א פליגל, אָבער דעם פליגל אנטקעגנאיבער האָט נאָך דאָס פייער נישט באַרירט און מען קען דאָרט ארויפקלעטערן און אריבער דורך עפענונגען. צום אָנהויב זיינען מיר געגאַנגען איבער בוידעמער, פון איין חרוב'ער וואַנט צו דער צווייטער און זיינען אזוי אריבער איבער דער לענג פון גאַנצע גאַסן — און די דייטשן, וואָס זיינען געשטאַנען פון יענער זייט מויער און געשאָסן אויף יעדן ייד, וואָס איז פארבייגעגאַנגען די גאַס, האָבן אונדז נישט געזען. איצט האָבן געברענט די בוידעמער. מיר זיינען ווייטער געגאַנגען דורך די דעכער פון חורבות און דורכגעבראָכענע ווענט פון איין קעלער אין א צווייטן קעלער, און נאָכדעם האָבן מיר פּשוט ארומגעבלאָנקעט צווישן די חורבות, אויסמיידנדיק דאָס פייער אויף וויפל ס'איז מעגלעך. די סמאַליענדיקע לופט האָט געברענט דאָס פּנים, די אויגן. דער רויך שטיקט, עס שפּריצן פונקען. גרופּעס דייטשן שיסן אויף יעדער גרופּע וואָס זיי באַמערקן.

* * *

א פולע פינסטערניש הערשט אין דעם אונטערערדישן קעניגרייך, אינעם הויפּט־בונקער פון דער „יידישער קאַמף אָרגאַניזאַציע”, אויף מילא גאַס 18. אין דרויסן איז געווען א שיינער פרילינגס טאָג, אָבער אין דעם בונקער האָט זיך איבערגעדרייט דער נאַטירלעכער סדר. דער טאָג איז פארוואַנדלט געוואָרן אין נאַכט און די נאַכט אין טאָג.

ווער ס'גייט דאָ פאַרביי אין טאָג־שעה'ן אין דרויסן ביי די פייערן, וואָלט בשום אופן נישט געקענט גלויבן, אז אונטער די ארומיקע חורבות, אין די טיפענישן פון פינף מעטער, זיצן, אָדער — ריכטיקער — ליגן, הונדערטער מענטשן, וועלכע אָטעמען נאָך, שמועסן, זיינען וואָך און שלאָפן, טרוימען און גלויבן אפשר אויך. די חורבות שווייגן, זיינען שטום. אפילו קיין איין שטראַל ליכט קען אהינצו נישט אריינדרינגען. נישטאָ קיין איבערבייט פון ליכט און פינצטערניש. נאָר דער זייגער דערציילט, אז אָט פארגייט דאָרט אין דרויסן די זון און די נאַכט קומט אָן.

און אז די נאַכט איז געקומען אין דרויסן און אין דער גרויסער שטאָט פון יענער זייט געטאָ־מויערן ווערט שטיל און די בירגער קומען אהיים אין זייערע הייזער, וואַכן אויף רויכערדיקע געטאָ־גאַסן. מענטשן גייען אראָפּ פון זייערע געלעגערס, ציען אויס די ביינער, קריכן ארויס פונעם גרוב, גייען ארויס און אָטעמען לייכטער אָפּ: **נאָך אַ טאָג איז אַוועק**

עס איז שאַרף דער הונגער נאָך דעם ליכט פון טאָג. אָבער מען קען זיך אַ ביסל באַוועגן. מען קען אריינאָטעמען אַ ביסל דרויסנדיקע לופט — כּמעט אפילו ס׳איז נאָך די לופט פון דער געטאָ וואָס אירע פייערן זשיפּען נאָך . . . באַפרייט זיך אַ ביסל פון דער פאַרגליווערטקייט, און אָט באַלד וועט מען אויך אַלעמען דערלאַנגען די פּאָרציע זופּ.

און אויך מיר, די קעמפער, דערוואַכן צו מעשים. מען מאַכט הכנות פאַר דער נאַכט. ס׳איז נאָך דאָ וואָס צו טאָן! פון דאַנען גייען ארויס די באַפעלן איבערן גאַנצן געטאָ, פון דאַנען גייען ארויס די שליחים וואָס פאַרבינדן מיט די איבעריקע אָפּטיילונגען אין די בונקערס. דירעקטיוון ווערן געשיקט צו קאַמף־אָפּטיילונגען. אפשר קען מען נאָך געפינען אַ פאַרוואַלגערטן טעלעפאָן אויף זיך צו פאַרבינדן מיטן חבר אויף דער אַרישער זייט (פאַר דער שריפה האָבן מיר זיך פאַרבונדן יעדע נאַכט, אָבער דאָס פייער האָט פאַרברענט אַלע טעלעפאָנען), און אים מודיע זיין וואָס ס׳הערט זיך ביי אונדז, עפּעס הערן פון דאָרטן, אָנזאָגן, אַז מ׳זאָל למען השם שיקן געווער, וואָס עס זאָל נישט זיין. איינער גייט ארויס נאָענט צו דער געטאָ־מויער, צו דער עפענונג פונעם קאַנאַל, אפשר וועט קומען אַ צייכן פון דאָרטן, פון יענער זייט מויער, אַזוי ווי ס׳איז צוגעזאָגט געוואָרן. אַנדערע גייען ארויס צו נישטערן אין די פאַרלאָזענע בונקערס, געפינען אַ ביסל שפּייז, און אפשר טאַבאַק. אין דרויסן קאָכט מען שוין דעם קעסל זופּ, און מען האָט נישט אַזוי מורא ווי בייטאָג פאַרן רויך וואָס גייט אויף. קיין שטיקל ברויט האָבן מיר שוין נישט געהאַט אין מויל וואָכן לאַנג. פונוואַנען?

ערשט צוריק מיט עטלעכע טעג פלעגן מיר נאָך שיקן קאַמף־אָפּטיילונגען צו לאַקערן אויף די דייטשן, וועלכע האָבן נישט געוואַגט אריינצוקומען אינווייניק אין געטאָ אריין אָפן און אין געשלאָסענע גרופּן, נאָר זיי פלעגן זיך אריינגנבֿ׳ענען אין געטאָ אריין איינציקווייז, ווען קיינער האָט נישט געזען. נאָך פון בייטאָג פלעגן אונדזערע בחורים פאַרכאַפּן פּאָזיציעס אין דער באַהעלטעניש פון די חורבות, פלעגן ארויפקלעטערן אויף דעם דאַך פון אַ צעוואָרפן הויז, קוקן דורך די לעכער און וואַרטן. שעה׳ן־לאַנג איז מען דאָרטן געלעגן, אין דער טויטער שטילקייט, אונטער די ליכטיקע הימלען פון אָנהייב פרילינג. די מאַן־זון האָט שוין געלאַשטשעט נאָך דער ווינטערדיקער קעלט. און ס׳איז צומאָל געווען גוט אַזוי צו ליגן, פילן אין דער האַנט די אָנגענעמע גלאַטקייט פונעם רעוואָלווער, פאַרמאַכן אויף אייניקע מינוטן די אויגן און קלערן וועגן אַ ווייטער און ריינער וועלט, וואָס איז נאָך נישט פאַרשמוציקט געוואָרן פון מאָרד, האַס און בלוט, און וועגן אַ ווייטן, האַרץ־געליבטן לאַנד, וואָס ווער ווייסט צי מען וועט עס נאָך זוכה זיין צו זען — כּמעט מען ווייסט נישט וואָס ס׳וועט פּאַסירן היינטיקן טאָג און צי מען וועט אויך מאָרגן זוכה זיין צו אָט דער דאָזיקער טייערער שעה, נאָך ווייטער צו אָטעמען אויף גאָטס וועלט . . . פיל, פיל צווישן אונדז האָבן זיך געריסן ארויסצוגיין צו די דאָזיקע קאַמף־פּאָזיציעס, אבי פּטור צו ווערן פון דער ליגעניש אינעם פינצטערן און שטיקנדיקן בונקער.

אין די נאָענטע חורבות באַוועגן זיך שאָטנס, אַ גאַנצע נאַכט באַוועגן זיי זיך דאָ, שאָטנס פון יידן וועלכע זיינען אויך ארויס פון דער ערד, פון דאָ און פון דאָרט, צו אָטעמען אַ ביסל לופט, צו באַגעגענען זיך מיט קרובים און פריינט, צו זוכן עפּעס צום עסן און ספּעקולירן וועגן דער צוקונפט. גרופּעסווייז שטייען די יידן אין די הויפן, מיט

צוזאמענגעטוליעטע קעפּ, שעפּטשען, מורמלען. אָבער יעדע נאכט ווערן זיי שיטערער, מען פילט אין דער פינצטערניש, אז די גרופּעס אין די הויפן ווערן אַלץ קלענער, ווערן אַלץ ווייניקער. די עדה יידן אין געטאָ קומט אום, ווערט פארקלענערט, האלט אין אויסגיין.

קיין דייטשן זעט מען נישט דורך די שעה'ן פון דער נאכט. זיי וואגן נישט צו קומען. נאָר ווען דער מאָרגנשטערן הויבט אָן צו לייכטן הויבט זיך אָן אונדזער נאכט. מיר קערן זיך אום און קריכן אריין אינעווייניק, אין די בונקערס. די אָפּטיילונגען און די שליחים קערן זיך אום פון זייערע פּאָזיציעס און דעמאָלט, ווען דער טאָג לייכט אויף, הויבן זיך דאָ אָן צו באוועגן די דייטשע וואך־גרופּעס. זיי שמעקן און נישטערן ווי די הינט און זוכן עפּעס צום פארצוקן; וואו פארבאָרגן זיי זיך, די דאָזיקע פארשאָלטענע יידן, די **לעצטע** יידן? כל זמן ס'איז געבליבן איין ייד, וואָס אָטעמט נאָך די פארשימלטע בונקער־לופט, קענען זיי נישט רוען...

אין בונקער הויבט זיך אינדערפרי אָן — די נאכט. האלב־נאקעטע ליגט מען זיך אוים איינער לעבן צווייטן א ביסל איינצודרימלען, אָבער דער געמורמל הערט נישט אויף. די שטיקנדיקע היץ איז גרויס און די לופט איז צוזאמענגעפּרעסט, אומריין. מ'דרייט זיך אויפן געלעגער, מ'דרימלט איין און מ'כאפּט זיך אויף. בייטאָג הויבט זיך דער בונקער אָן אויפצולעבן. די עלעקטריע שיינט מיט איר טויטן ליכט. מ'ליגט ווייטער, אָבער אין די ווינקלען שמועסט מען. אמאָל מאכט זיך, אז אפילו אין מיטן העלן טאָג דערלאנגט מען עפּעס אויף טועם צו זיין, פּארדארטע, נישט־געקאָכטע פּערפּל — בייטאָג איז פארבאָטן צו קאָכן — אויף צו גריזשען, אויף צו בארואיקן דעם מאָנענדיקן מאָגן. די שעה'ן גייען פּראַביי, שלעפּן זיך שרעקלעך שווער, און די איינוואוינער פונעם בונקער קאטשען זיך ווייטער אויף דער ערדאָ, און דאָס ווארטעניש אויף דעם אָוונט בויערט און פּרעסט דאָס לייב מיט א מאָדנעם הונגער.

* * *

דער בונקער אויף מילא גאס 18. די קעמפער־אָפּטיילונגען זיינען דאָ בלויז קווארטיראנטן, אָבער די אמת'ע בעלי־בתים זיינען די **טשומפּס**. דאָס זיינען די ווארשעווער אונטערוועלט־מענטשן, וואָס צווישן זיי זיינען פאראן בארימטע גנבים און אפילו מערדער. זייערע פירער האָבן דאָ אויסגעגראָבן אין דער טיפעניש פון דער ערד, אין דער לענג פון דריי גרופּעס ריזן־בנינים וואָס זיינען פאראוואנדלט געוואָרן אין חורבות, א גרויסן און רחבותדיקן בונקער. א לאנגער, שמאָלער קאָרידאָר האָט אין מיטן צעטיילט דעם בונקער, און אויף ביידע זייטן זיינען געבויט געוואָרן א סך צימערן, עלעקטריציטעט איז איינגעריכטעט געוואָרן. עס איז אויסגעגראָבן געוואָרן א ברונעם, ס'זיינען געווען קראנען און א קיך און ס'איז אפילו געווען א לייען־און פארווייליונגס־צימער. זיי האָבן דאָ קאָנצענטרירט צענדליקער פון זייערע מענטשן פון די פארשיידענע באנדעס.

ווי אן אטאַמאַן איז דאָ, אין דער טיפעניש פון דער ערד, ארומגעגאנגען דער פירער פון דער באנדע, שמואל־אשר, אדער שמואל־יששכר, א געזונטער ייד, א ברייט־ביינערדיקער, א שטארקער און מגושמדיקער, וואָס האָט מיך דערמאָנט אין ביאַליקס אריה בעל גוף; ער האָט באפוילן און געוועלטיקט, אויפגעפּאסט דאָ אויף דעם גאנצן לעבן, אויף דער באשפּייזונג און אויף דעם שלאָפן און אויפן ארויסגיין אין די גאסן צו לאטכענען. די ערשטע צייט האָבן זיי דאָ געהאט פון אלדאָס גוטס, האָבן געוואוינט אין באזונדערע צימערן און האָבן אפילו זיך איינגעריכטעט בעטן. זייערע פּאך־קאָלעגן פון דער ארישער זייט האָבן זיי דורך די קאנאליזאציע־רערן צוגעשטעלט פריש ברויט און בראָנפן. די „עמך", וואָס זיינען מיט זיי געווען זיינען געווען איבערגעגעבן צו די פירער ממש ווי הינט, גרייט צו גיין פאר זיי אין פייער און אין וואסער. דער פירער פלעגט אין די נעכט שיקן גרופּעס צו ברענגען רויב פון דרויסן און מיט די אייגענע הענט אויסטיילן דאָס עסן צווישן דער מאסע, וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן אַלץ גרעסער. ער פלעגט עס



מאָדעל פון וואַרשעווער געטאָ אין מוזיי פון אומקום און ווידערשטאַנד
אין קיבוץ לוחמי הגטאות אין ישראל.

אויסטיילן מיט יושר און אפילו שטאַרק אכטונג געבן, אַז קליינע קינדער זאָלן קריגן אַ געריכטן חלק.

צופעליק איז אין דעם דאָזיקן בונקער געקומען אַן אָפּטיילונג פונעם שטאַב פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און פון דעמאָלט אָן זיינען אהינצו אריינגעקומען נאָך און נאָך אָפּטיילונגען, און אין דעם בונקער, וואָס איז לכתחילה באַשטימט געוואָרן פאַר צענדליקער „טשומפּס", האָבן זיך באַזעצט אַרום אַ דריי הונדערט מענטשן, וואָס זיינען געלעגן, צוזאַמענגעפּרעסטע און צוזאַמענגעדריקטע, אין אַלע צימערן. דעם ערשטן טאָג, וואָס מיר זיינען געקומען האָט אונדז דער פירער פריינטלעך מקבל־פּנים געווען — מען האָט אונדז שוין געקענט אין געטאָ און אויך ער מיט זיינע חברים האָבן זיך באַצויגן צו דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע מיט אַ ביסל יראת הכבוד — און האָט אונדז געזאָגט: אַלץ וואָס מיר האָבן איז אויך אייערס, און מיר שטייען צו אייער דינסט. מיר זיינען שטאַרקע מענטשן, מיר ווייסן ווי אַזוי צו רייסן שלעסער, אַרומצוגיין ביינאַכט שטילערהייט אַז מען זאָל נישט דערהערן, קלעטערן אויף פּאַרקאַנעס און ווענט. אַלע וועגן און לעכער פון דער געטאָ זיינען אונדז זייער גוט באַקאַנט. איר וועט נאָך זען, אַז מיר וועלן אייך צונוץ קומען.

און זיי זיינען אונדז טאַקע צונוץ געקומען. זיי זיינען געווען אונדזערע וועגווייזער אויף צו שפּיאָנירן די פּאָזיציעס פון די דייטשן. אין אַ שפּעטערן פּעריאָד, ווען די געטאָ איז שוין געווען כמעט אינגאַנצן פאַרברענט און ס'איז שווער געווען צו אונטערשיידן די צייכנס פון די גאַסן, פלעגט עמיצער פון זיי, אַ באַוואוסטער גנב, אונדז פירן. ווי אַן עלאַסטישע קאַץ פלעגט ער קריכן, קלעטערן, זיך דורכגנב'ענען דורך די בוידעמער, לעכער און קעלערס, און אַזוי אַרום פלעגן מיר מיט אים איבערגיין גאַנצע גאַסן, נישט ווערנדיק באַמערקט פון לויערנדיקן שונא.

פאַרנאַכט צו פלעגט זיך דער פירער פון די „טשומפּס" אָנטאָן כדי אַרויסצוגיין פון זיין באַהעלטעניש צו זוכן שפּייז. ער האָט אָנגעטאָן זיינע גלאַנצנדיקע שטיוול, וואָס איינער

פון זיינע געטרייע אונטערטאנען האָט גוט אָפּגעפּוצט, אָנגעגאַרטלט צוויי רעוואָלווערן אויףביידע לענדן און ארויסגעקראָכן. די ארויסגאנג־לאָך איז צוגעפּאסט געוואָרן צו זיין שטארקן, גרויסן גוף. מיט דער צייט איז ער מאָגער געוואָרן, און די ברייטע לאָך איז פאר אים געווען צו גרויס . . .

אין דעם דאָזיקן בונקער האָבן זיך געפונען הונדערט און צוואנציק קעמפער — בתוכם דער שטאב.

✶ ✶ ✶

אין איינעם פון יענע טעג האָב איך באזוכט געפּנער׳ס בונקער און ס׳האָט מיך דאָרט באגעגנט א טויט־שטילקייט. דער בונקער איז געווען ליידיק. אויך דעם בונקער האָט געטראָפן דער ביטערער גורל. זיינע איינוואוינער, און צווישן זיי געפּנער, דער מאן מיטן ווארעמען און מיטליידנדיקן יידישן הארץ, זיינען דאָרט געכאפּט געוואָרן.

געפּנער איז ראוי, אז ס׳זאָל וועגן אים דערציילט ווערן. בשעתו איז ער געווען פאררעכנט פאר איינעם פון די רייכסטע און חשובסטע יידן אין דער ווארשעווער קהלה. אין געטאָ איז ער געשטאנען בראש פון דער אינסטיטוציע אויף צו שטעלן לעבנס־באדערפענישן, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן ביי דער קהלה, און וואָס איז נאָכדעם ארויס פון רשות פון דער קהלה און איז געוואָרן א זעלבסטשטענדיקע אינסטיטוציע. דאָרט איז קאָנצענטרירט געוואָרן דער פּראָוויאנט וואָס די דייטשן האָבן געגעבן דער געטאָ (פאר יעדן מענטש — 10 דעקא ברויט א טאָג און א ביסל מארמעלאד. פאר ארבעטער — מערער). אָבער דאָס דאָזיקע ביסל האָט געדינט ווי א צודעק אויף צו קענען אריינשמוגלען אין געטאָ אריין פיל פּראָדוקטן פון דער ארישער זייט. די פּרייזן אויפן עסנווארק זיינען געווען זייער הויך און די אינסטיטוציע האָט אָנגעזאמלט געלט. מערסטע אָנגעשטעלטע פון דער אינסטיטוציע האבן שפּעקולירט מיט פּראָדוקטן, האָבן אָנגעזאמלט געלט און אוועקגעלייגט פּראָדוקטן אויף א שלעכטן טאָג. געפּנער איז כמעט געווען דער איינציקער, וועלכער האָט געזאָרגט דערפאר, אז די אינסטיטוציע זאָל טראָגן א געזעלשאפטלעכן כאראקטער, געטריי בלייבן איר ציל, ראטעווען פון הונגער די יידישע מאסן אין געטאָ. ער האָט געהאָלפן קינדער און יתומים־הייזער, פאָלקס־קיכן, געזעלשאפטלעכע אָרגאני־זאציעס, און אויך אונדזער באוועגונג, די „החלוץ"־באוועגונג האָט אים שטארק געשעצט. ער איז פריי געווען פון יעדן חשד פון נעמען כאבאר, אָדער אויסנוצן זיין אמט פאר זיינע פּערזענלעכע אינטערעסן. זיין גרויס פארמעגן, געלט און קליידער, האָט ער פארטיילט צווישן דער אָרעמער מאסע. און אז ער האָט שוין פארלוירן זיין גאנץ פארמעגן, פלעגט ער נאָך ארומגיין איבער די גאסן פון דער געטאָ און אויסטיילן פון דער שפּייז צווישן די קינדער, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט איבער די גאסן, געבעטן נדבות און אויסגעגאנגען פאר הונגער. ער איז געווען דער איינציקער צווישן די מענטשן פון זיין קלאס און עלטער, וועלכער האָט ארויסגעוויזן א טיפע פארשטענדעניש פאר דער יידישער יוגנט, וואָס האָט גערופן צום קאמף און זעלבסטשוץ, און שוין ביים אָנהויב פון די פאַרהאנדלונגען וועגן דער „יידישער קאמף אָרגאניזאציע", האָט ער געזאָגט: איך בין שוין צו אלט, אָבער אויף וויפל איך וועל האָבן בכח, וועל איך אייך העלפן . . . גייט און טוט . . .

די באשפייזונג ביורא האָט פאר זיך איינגעאָרדנט א גרויסן בונקער מיט א סך שפּייז און אז ס׳האָט אויסגעבראָכן דער אויפשטאנד, זיינען אלע זיינע אָנגעשטעלטע ארונטער צו לעבן אין אונטערגרונט און געפּנער צוזאמען מיט זיי.

אויף דעם זיבעטן טאָג פונעם אויפשטאנד בין איך ארונטער אין בונקער און האָב באגעגנט געפּנערן, דעם אמאָליקן גביר, צוזאמענגעקוועטשט און צונויפגעדריקט צווישן די מאסן מענטשן, וואָס האָבן אָנגעפּילט דעם בונקער אזוי, אז ס׳איז שוין דאָרט קיין פּלאץ נישט געווען. ער האָט זיך נישט באקלאָגט און האָט אויף זיך מקבל־דין געווען. דאָס הארץ האָט וויי געטאָן אים צו זען אין אזא לאגע. איצט האָט ער זיך ווי געלאשטשעט

צו אונדז און געבעטן אונדזער שוץ. מיר זיינען נאך ארומגעגאנגען מיט געפיל פון נצחון און דאס געווער וואס מיר האבן געהאט האט דערהויבן אונדזער ווערט אין אונדזערע אייגענע אויגן און אין די אויגן פון די געטא איינוואוינער און האט משפיע געווען א ביסל זעלבסט־זיכערקייט.

דער דאזיקער בונקער האט צום אנהויב אויפגעהאלטן אין זיך איניקע קעמפער־אפטיילונגען; אויך שליאמעק שוסטער מיט זיין אפטיילונג האט דא געפונען שוץ. אין דעם בונקער האט זיך געפונען די אפטיילונג פון הענעך גוטמאן. אין איין טאג איז דער בונקער פלוצלינג אנגעגריפן געווארן פון די דייטשן. זיי האבן געוואוסט, אז דא זיינען פאראן יידישע קעמפער, און זיי האבן אים באלאגערט פון דרויסן און געשריגן: ארויס־גיין! די לאגע איז געווען א יאושדיקע. אבער הענעך גוטמאן האט זיך נישט פארלוירן. ער האט באפוילן דבורה בארן, א חברה פון אונדזער באוועגונג, וואס האט זיך אויסגע־צייכנט מיט געטריישאפט, איבערגעגעבנקייט און שיינקייט, אז זי זאל ארויסגיין אין דרויסן. מען האט זיך משעג געווען, אז די דייטשן וועלן נישט שיסן אויף א מיידל. און ווירקלעך, אז זי איז ארויס, זיינען די דייטשן ווי צעטומלט געווארן פון איר שיינקייט און געוואגטקייט, און אין איין סעקונדע האט זי זיי איבערראשט מיט א גראנאט, וואס זי האט אויף זיי געווארפן און זיי זיינען זיך צעלאפן דערשראקענע אין אלע זייטן. די דאזיקע געציילטע מינוטן זיינען אויסגענוצט געווארן דורך די קעמפער. זיי זיינען אלע ארויס מיט שטורם פון בונקער, פארכאפט באשיצטע פאזיציעס און די חורבות ביי דער זייט, און האבן ארויסגעלאזט אויף די דייטשן א רעגן פון קוילן. פיר חברים זיינען געפאלן אין דעם דאזיקן קאמף און אויך הענעך גוטמאן איז דעמאלט פארוואונדעט געווארן, אבער צענדליקער דייטשן האבן באצאלט מיט זייער לעבן, און דער עיקר די יידן פונעם בונקער זיינען דעמאלט אלע ניצול געווארן פונעם טויט. צווישן די, וועלכע זיינען יענעם טאג געפאלן איז אויך געווען איינער, וואס בשעת ער איז נאך אפגעגאנגען אין בלוט האט ער געשריגן צו זיינע חברים: א שאד דער רעוואלווער! נעמט דעם רעוואלווער! און צו די דייטשן האט ער געשריגן מיט זיינע לעצטע כוחות: „ס׳וועט קומען א טאג פון נקמה און געצאלט״!

אויף מארגן האבן מיר געזוכט א שוץ־פלאץ פאר די דאזיקע חברים אונדזערע. און אז מיר האבן נישט געפונען, האבן מיר זיי געמוזט לאזן אויף נאך איין טאג אין דעם בונקער און דאס האט אונדז טייער געקאסט. אז איך בין צומארגנס געקומען צו זיי, כדי זיי אריבערצופירן אין אן אנדער פלאץ, האט מען מיר דערציילט, אז די דייטשן האבן זיך אומגעקערט און אטאקירט דעם בונקער, האבן אהינצו אריינגעווארפן גראנאטן און צען חברים, און דבורה בארן צווישן זיי, זיינען געפאלן. דער פארוואונדעטער הענעך גוטמאן איז אריבערגעפירט געווארן אויף א טאג־בעטל אין זכריה׳ס בונקער און דארטן איז ער געבליבן ביז צו זיין לעצטן טאג. ער איז געפאלן צוזאמען מיט זיי. ער איז געווען פון די בעסטע פון אונדזער באוועגונג, איינער פון די הויפט קעמפער פון ערשטן טאג, א מוסטערהאפטער קאמאנדיר און חבר. צווישן אים און זיינע מענטשן האבן שטענדיק געהערשט וואונדערבארע באציאונגען. בלויז לויט זיין שמייכל האבן זיי פאר־שטאנען וואס ער וויל, און האבן געפאלגט זיין באפעל.

* * *

אויך דער „קעניג״ פון די טשומפס האט אנגעהויבן ציטערן און איז ארומגעגאנגען א שלעכט־געשטימטער און א פארצארנטער. די פראדוקטן זיינען אויסגעגאנגען, זיינע חברים פון דער ארישער זייט קענען נישט קומען. אין געטא איז אלץ פארברענט געווארן און מען קען קיין שום זאך נישט קריגן. דער הונגער פארשטארקט זיך און פייניקט. אלע זיינען פארצווייפלט. א קינד פארגייט אין א געוויין: מאמע, עסן! און ארום צעפלאקערט זיך דער כעס פון די שוואכע מענטשן, וועלכע ליגן אויף זייערע געלעגערס. זיי האבן מורא, אז דאס געוויין וועט דערגרייכן דעם שונא אין דרויסן און אויפדעקן זייער באהעלטעניש.

די קעמפּער ליגן אויף די שמאַטע־געלעגערס און קלערן. דריי וואָכן זיינען אריבער זינט ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף, אייגנטלעך, האָט זיך דער קאַמף פאַרענדיקט. ס'איז כמעט נישטאָ מיט וואָס און מיט וועמען צו פירן אַ מלחמה, די קוילן האָבן זיך כמעט אויסגעלאָזט. דער הונגער פייניקט. אַ פאַמעלעכדיקער, לאַנגזאַמער טויט דערוואַרט אונדז אַלעמען. וואָס וועט מיט זיך ברענגען דער מאָרגן? דאָס ווייסט קיינער נישט. און צוזאַמען דערמיט איז פאַראַן אַן אינעווייניקסטע רואיקייט. דאָס געפיל, אַז מיר האָבן געטאָן אונדזער פליכט באַרואיקט אַ ביסל. וואָס ס'וועט איצט קומען — איז אייגנטלעך נישט וויכטיק. דער סוף וועט קומען — אין דעם איז קיינער נישט מסופק — אָבער ווי אַזוי און ווען?

נאָך שעה'ן פון דרימלען און שעפּטשען כאַפּט מען זיך אויף און מען דערציילט אוודאי דעם צוואַנציקסטן מאָל זכרונות פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. מען ווערט אויפגעוואַכטער. ווייזט אויס, אַז ס'איז גאָרנישט געבליבן אויסער דאָס בינטל זכרונות פון גבורה, און מען זויגט פון זיי אַרויס דעם לעצטן טרייסט־חיות. יעדער איינער דער־ציילט פון די מעשים פונעם קאַמף; איינער דערציילט ווי אַזוי ער האָט פונקט געטראָפן מיט דער צינד־פלאַש אין אַ קאָפּ פון אַ דייטש, און יענער האָט זיך אָנגעצונדן און ער לויפט און ברענט, שרייט און ברענט . . . אַ צווייטער דערציילט ווי אַזוי די מינע איז אָנגעצויגן געוואָרן אין יענער דערציטערנדיקער, שרעקלעך־פרייידיקער איבערלעבעניש, בעת העגט און פיס פון אויפגעריסענע דייטשן זיינען געפלויגן אין דער לופטן, אין אַלע זייטן, און די איבעריקע האָבן, דערשראָקענע, אָנגעהויבן אַנטלויפן. אַ דריטער באַצייכנט, וואָס פאַר אַ פּחדנים און שרעקנדיקע זיי זיינען, אַז דערזעענדיק דעם שאָטן פון אַ יידישן קעמפער פון דערווייטנס, פלעגן זיי אויפהויבן די פיס און אַנטלויפן, און וואָס פאַר אַ פרייד דאָס איז, ווען דער וואָס אַנטלויפט פאַלט פּלוצלונג און קערט זיך איבער אויף דער ערד — אַ קויל פון אַ חבר האָט אים געטראָפן בשעתן אַנטלויפן. און אַמאָל פאַר־קערעוועט זיך דער שמועס צום ווייסן לאַנד, וואָס קיינער פון אונדז האָט נישט זוכה געווען צו זען, וועגן דעם דאָרטיקן לעבן, וועגן דעם קיבוץ און שליחים פון דאָרט, וועלכע מיר האָבן געקענט.

אויך אינעם צימער וואו איך ליג איז אַ רעש און טומל. פון מאָל צו מאָל באַרואיקן מיר איינער דעם צווייטן און נאָך דעם שטאַרקט זיך ווידער דער רעש. אָט איז צו אונדז געקומען אַ גאַסט: אַלכסנדר פון פּ.פּ.ר. (פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי). ער איז אַהערצו אַנטלאָפן פון אַן אַנדער קוואַרטאַל, פונעם לעצטן „שאָפּ", פון וועלכן די יידן זיינען גענומען געוואָרן צום טויט. ער דערציילט ווי אַזוי עס איז אים געלונגען זיך אַרויס־צודרייען אין דער לעצטער מינוט, זיך באַהאַלטן אין חורבות און קומען צו אונדז. מיר הערן די שרעקלעכע פּאַסירונגען פון דאָרטן און דערציילן אים, וואָס מיר האָבן מיטגע־מאַכט אין די וואָכן וואָס מיר זיינען אָפּגעריסן געוואָרן איינער פון צווייטן. צוליב אַ העברייאיש־געשריבענעם בריוו וואָס איך לייען אים פאָר — אַ בריוו פון יצחק'ן וואָס איז געשיקט געוואָרן פון דער אַרישער זייט — וועגן די אָנשטרענגונגען אונדז צו העלפן וואָס זיינען דערוויי נישט געלונגען, ברעכט אויס אַ וויכוח וועגן העברייאיש און יידיש, ציוניזם און קאָמוניזם, און אינעם שטורעם פונעם וויכוח פאַרגעסן מיר וואו מיר געפינען זיך און קולות טראָגן זיך מיט התלהבות, ביז דער „פּירער" לויפט אַריין אַ דערשראָקענער אין אונדזער צימער אַריין אונדז צו באַרואיקן, מיר וועלן דאָך נאָך חס ושלום ברענגען אַן אומגליק אויפן גאַנצן בונקער; און אַז מיר באַרואיקן זיך, שלאָגט ער אונדז פאָר מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן צו פאַרענדיקן בקרוב דעם וויכוח דאָרט, אויפן עולם־האמת . . .

מיר קערן זיך אום צו אונדזער ווירקלעכקייט, און ס'בויערט פונדאָסניי די פראַגע: וואָס זאָל מען אַלזאָ טאָן? מיר האָבן נישט גערעכנט, אַז נאָך וואָכן קאַמפן מיט די נאַצים וועלן מיר נאָך לעבן און דאַרפן טראַכטן וועגן אונדזער סוף. מיר זיינען געווען זיכער, אַז דער סוף וועט קומען . . . און פּלוצים, איז דאָס לעבן געגעבן געוואָרן —

אַך און ווײ, ווי אַזוי עס איז נעגעבן געוואָרן — אָבער עס זיינען געבליבן לעבן יידישע קעמפער און דאָס אחריות איז גרויס נישט נאָר פאַר דיר אַליין, נאָר פאַר די אַלע, וועלכע ליגן דאָ אַרום, צוגעטוליעט צו זייער געווער און וואַרטן אויף דעם, וואָס דו וועסט זאָגן . . .

די פאַרבינדונג מיט דער אַרישער זייט איז אינגאַנצן איבערגעריסן געוואָרן. צוריק מיט עטלעכע טעג האָבן מיר געשיקט גרופּעס חברים דורך די קאַנאַליזאַציע-רערן און אויך דורך דעם טונעל, וועלכן מיר האָבן צופעליק אַנטדעקט, אָבער קיינער ווייסט נישט וואָס איז דער גורל פון די מענטשן, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרן. מיר ווייסן ווי שרעק־לעך ס'איז די דאָזיקע רעטונג־שליחות אין דער אַרישער זייט אַריין. אַ מענטש וואָס דאָס מזל האָט אים צוגעשפּילט און ס'איז אים געלונגען אַריבער בשלום, אַז ער קומט אין דער גויאישער גאַס אַריין, גייט ער דאָרט אַרום מיט שרעק טאָמער וועט מען דער־קענען. ער האָט נישט וואוהין אַריינצוגיין. דער אָוונט דערנענטערט זיך, באַלד וועט מען שוין נישט טאָרן אַרומגיין אין גאַס, און אַ הויז וואָס זאָל געבן שוץ אַ געיאָגטן און גערודפטן ייד — איז נישט פאַראַן. אַלע טויערן זיינען פאַר אים פאַרשלאָסן. און אונדזערע קריסטלעכע פריינט האָבן נאָך ביז היינטיקן טאָג נישט באַוויזן אָנגרייטן פאַר אונדז וואוינונגען, וואו מיר זאָלן זיך קענען אויפהאַלטן.

דער שמועס גייט ווייטער, ציט זיך. דער חברים־קרייז ווערט גרעסער. שטייט אויף בערל ברוידע און שלאָגט פאָר אַרויסצוגיין אין מיטן העלן טאָג מיטן געווער, אַנצופאַלן פּלוצלונג אויף דער דייטשער וואַך, זי באַזיגן און אַרויס אין וואַלד אַריין. טענה'עט אַ צווייטער אַנטקעגן אים: גוט, לאָמיר אָננעמען אַז ס'וועט אונדז געלונגען צו באַזיגן די דייטשע וואַך, אָבער ווי אַזוי וועסטו קומען אין וואַלד אַריין דורך די וואַרשעווער גאַסן? און אַריה ווילנער קומט צום באַשלוס, אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין אַנדער אויסוועג און קיין אַנדער הילף ווי ווייטער שיקן גרופּעס חברים אין דער אַרישער זייט אַריין אויף די זעלבע געפערלעכע וועגן אויף וועלכע מיר האָבן געשיקט ביז איצט, כאָטש ס'איז נישט פאַראַן קיין שום ידיעה וועגן זייער גורל. קיין אַנדער ברירה איז נישטאָ. ווער ס'וועט אָנקומען וועט אָנקומען, און אויב אפילו ס'וועלן נאָר אָנקומען צוויי פון צען — איז דאָס אויך בעסער ווי דאָס איבערבלייבן און אויסגיין פון הונגער און דערשטיקעניש.

ס'איז שווער צו באַשליסן!

ס'איז לייכט אָפּצופרעגן די אַרויסגעזאָגטע פאָרשלאָגן, אָבער ס'איז שווער צו געבן אַן אַנדער איבערצייגנדיקן פאָרשלאַג. אויך מרדכי אַנילעוויטש, וואָס טראָגט אויף זיין רוקן די גאַנצע שווועריקייט פון דער אחריות פאַר דער לאַגע, באַטראַכט יעדן פאָרשלאַג, אָבער דעם אמת געזאָגט, זעט ער נישט קיין אויסוועג. צום סוף דערציילט ווידער טוביה באָזשיקאָווסקי, אַז צוריק מיט עטלעכע טעג, ווען ער האָט באַזוכט דעם בונקער אויף פראַנטשישקאַנסקע 20, האָט מען אים געזאָגט, אַז ס'איז פון דאָרטן דאָ אַ דירעקטער און באַקוועמער צוגאַנג צו די קאַנאַליזאַציע־קאַנאַלן. מען דאַרף נישט צוליב דעם אַרויס־גיין אין דרויסן. מיר ווייסן, אַז ס'איז נישט גענוג אַריינצוגיין אין די קאַנאַלן, מען דאַרף ווייסן ווי אַזוי אין זיי אַריינצוגיין און וואו אַרויסצוגיין. גרויס און פאַרפּלאָנטערט איז די נעץ פון די קאַנאַלן, וואָס אונטער דער ערד; פיל יידן האָבן פּרובירט אַנטלויפן דורך זיי, האָבן זיי געבלאָנדזשעט טעג און נעכט אין דער טיף פון דער ערד און האָבן נישט געפינען קיין אַרויסגאַנג, און זיי זיינען דאָרט אומגעקומען פון הונגער, דורשט און מורא.

אָבער — גיט טוביה צו — אין יענעם בונקער איז פאַראַן אַ מענטש וועלכער קען דעם וועג. און פונדעסטוועגן הערן די ספיקות נישט אויף צו פייניקן און מען קען נישט לייזן די וויכטיקסטע פראַגע: דאָרט אויף דער אַרישער זייט — ווי אַזוי וועט מען אַרומגיין אין גאַס און וואו וועט מען זיך אויפהאַלטן? דער וויכוח ווערט פאַרגעזעצט. צום סוף, ווייל ס'איז קיין אַנדער ברירה נישטאָ איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן אַ גרופּע פון צען חברים, וועלכע זאָלן אַריבער דורך די קאַנאַליזאַציע־קאַנאַלן צו דער אַרישער זייט. זי

דארף אהינצו אַרויס אין די נאכט־שעה׳ן, זיך אויסבאהאלטן אין די חורבות פון פאר־לאָזטע הייזער. חברים, וועלכע האָבן ארישע פּנימער, זאָלן אהין גיין צו געפינען אונדזערע חברים און אינאיינעם וועלן זיי זוכן אן אויסוועג. דער גאנצער פּלאן איז נאָך בספק, ווייל מען קען נישט וויסן, צי יענער ייד וועט מסכים זיין צו זיין אונדזער וועגווייזער אין די אַנאַלן.

פונדעסטוועגן איז באשלאָסן געוואָרן אויפצושטיין און צו גיין און אויף מיר איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די פליכט ארויסצוגיין מיט דער גרופּע צום בונקער וואָס געפינט זיך אויף דער פראנטשישקאנסקע, דאָרטן פירן א משא ומתן מיטן וועג־ווייזער און זיי אוועקשיקן אין וועג אריין.

* * *

די לעצטע הכנות אין וועג אריין. מען טוט זיך אָן, מען בינדט צו געווער און מען זעגנט זיך. דאָס הארץ ציטערט: וועלן מיר זיך נאָכאמאָל זעען? פון אויבנאויף איז אלץ רואיק. מען שמייכלט, מען ווערטלט זיך אפילו. הענט דריקן הענט מיט כוח און מיט ליבשאפט. די האנט איז באהעפט צו רעוואָלווער. מען גייט ארויס.

מען הויבט אָן קריכן דורך דעם ארייננגאנג פון ענגן בונקער, וואָס איז באדעקט מיט שטיינער, מען דרייט זיך אויפן בויך ווי א שלאנג — אנדערש קען מען נישט דורך. מען פארגעסט, אז ס׳איז איצט נאכט, און עפּעס ווייזט זיך אויס אז אָט באלד וועט מען דערזען דאָס ליכט פון טאָג אין דרויסן; די בענקשאפט נאָך טאָג־ליכט איז גרויס, נאָך וואָכן פון נאכט. אָבער אויך אין דרויסן נעמט דורך דאָס פינצטערניש. מען קען אָבער איינזאפּן א ביסל לופט — מען אָטעמט זי אריין מיט אן אָפן מויל. מען פרעגט שטיל די וועכטער, צי עס לויערן דאָ נישט אין דער נאָענט קיין דייטשן. דער וועכטער ענטפערט: לינקס־צו שיסט מען, פון רעכטס — איז רואיק, מען קען גיין.

מיר שפּאנען שטילערהייט. די פיס זיינען ארומגעוויקלט מיט שמאטעס, כדי ס׳זאָל זיך נישט הערן דער רויש פון די טריט, אָבער ניט איינמאָל שטעלט מען זיך פלוצלונג אָפּ צוליבן קריצן פון שויבן־גלאָז, וואָס ווערן צעבראָכן אונטער די פיס. מיר שפּאנען איבער די חורבות און מיר וויסן, אז דאָ און דאָרט טליעט נאָך א פייערל פון לעבן ביי די לעצטע יידן.

חורבות, סקעלעטן פון אָפּגעסמאליעטע הייזער, איינגעפאלענע בנינים, דאָ און דאָרט צעשפּאלט דאָס פינסטערניש א ליכט פון א הויז, וואָס ברענט נאָך און איז נאָך נישט אינגאנצן פארברענט געוואָרן. אינטערעסאנט: יעדעס מאָל ווען מען גייט ארויס אין דרויסן, איז שווער צו דערקענען די געטאָ. אלץ ווערט פולקאָם פארענדערט.

רואיקייט און שטילקייט. די שטילקייט ווערט צומאָל געשטערט דורך א פענצטער, וואָס קלאפּט נאָך אויף א רעשטל פון א מויער, אָדער דורך אייזערנע שטאנגען פון א סקעלעט פון א קראָם, וואָס קריצן אָדער קלאפּן.

ווי געזאָגט, פלעגט מען נישט גיין אין די גאסן. דאָרט, פון יענער זייט מויער לויערן די דייטשע וואכן, קוקן אריין אינעווייניק אין די גאסן אריין. דעריבער האָבן מיר אויס־געטראָטן סטעזשקעס וואָס קרייצן זיך איבער די חורבות איבער דער ברייט פון די גאסן. מיר גייען אָנגעשטרענגטע, פאַרזיכטיקע, כדי נישט צו מאכן קיין רעש, דער פינגער אויפן הענטל פונעם רעוואָלווער. ערשט נעכטן איז אן אויסשפּיר־גרופּע פון אונדזערע חברים איבעראשט געוואָרן דורך די דייטשן, וועלכע זיינען ארויס פון א לויער־פּלאַץ. אונדזערע חברים האָבן באלד געענטפערט מיט שיסערייען, האָבן געטויט אייניקע פון זיי, אָבער אויך צוויי פון אונדזערע חברים זיינען טויטלעך פארוואונדעט געוואָרן. אויפן ברעג באגעגענען מיר דאָ און דאָרט אין הויפן שאָטנס פון געבליבענע יידן, וועלכע ווערן דערמוטיקט ווען זיי זעען יידישע בחורים וואָס גייען ארויס מיט געווער. זיי פרעגן: וואָס טוט מען? דאָס עסן איז אויסגעגאנגען. אלץ איז פארברענט געוואָרן. דערנאָך דערציילן זיי שטילערהייט, ווי אזוי די דייטשן האָבן היינט געפונען א נאָענטן בונקער און סתם

יידן האָבן זיך דאָרט פּאַרטיידיקט מיט געווער ביז צו דער לעצטער רגע. מען פילט ביי זיי אַ ברענענדיקע קנאה צו אונדז. זיי מיינען, אַז מיר זיינען גליקלעך, און זיי זיינען זיכער, אַז מיר וועלן געפינען אַ רעטונגס־פּלאַץ. זיי ווייסן נישט ווי ווייט הילפלאָז מיר זיינען, אַזוי ווי זיי. ס'דריקט דאָס געפיל פון שוואַכקייט, וואָס מיר קענען זיי נישט ברענגען קיין הילף. מיר פּרובירן געפינען ווערטער פון טרייסט און דערמוטיקונג — און גייען ווייטער. מיר דערגרענטערן זיך צו אַ מויער, מיר קריכן אויפן בויך — דאָרט לויערט אַ דייטשע וואַך — שניידן איבער אַ גאַס און ווערן ווידער פאַרשלונגען אין די חורבות.

אויפן וועג צו אונדזער ציל האָבן מיר אָפּגעשטאַט אַ באַזוך אין די בונקערס פון די קאַמף־אָפּטיילונגען, כדי איבערצוגעבן דירעקטיוון פון דער קאָמאַנדע. איך גיב איבער דאָס פּאַסיוו־וואָרט צו די, וואָס שטייען אויף דער וואַך און מיר גייען אַריין אינעווייניק אינעם בונקער פון זכריה אַרצשטיין. אַ חברישע באַוועגונג. אין די ערשטע טעג פונעם אויפשטאַנד בין איך געווען צוזאַמען מיט זכריה'ן אין זיין אָפּטיילונג און איך האָב אויך גוט געקענט דעם בעל־הבית פונעם בונקער. נאָכן ערשטן קאַמף־טאָג האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט אויפן הויף פון נאַלעווקי 33. מיר זיינען געווען מיד און דערשיטערט, הונגעריק און דאָרשטיק. פאַר אונדזערע אויגן איז דערשינען אַ בחור, מיט וועלכן איך האָב זיך צופעליק באַקענט צוריק מיט עטלעכע טעג. ער איז געקומען אונדז פאַרקויפן געווער. אַ האַרציקער בחור. אַ געוועזענער קאָמוניסט. ער האָט זיך צו אונדז געווענדעט און אונדז איינגעלאַדן אַריינצוגיין אינעם בונקער. דאָרט זיינען געווען זעלטענע פאַלן, אַז אַ מענטש זאָל קומען און זאָל מיט זיין גוטן ווילן אַריינעמען נאָך מענטשן אין זיין בונקער, וואָס איז אַזוי אויך איבערפולט. דאָ האָט געוואוינט זיין פאַמיליע, אַ פאַרצווייגטע משפחה, און ער איז דאָס געווען ביי זיי דער מענטש פון טאַט, האָט אָנגעפירט אַלע אירע ענינים און אַלע האָבן אים געפאָלגט. איך האָב געזען ווי ער האָט אויסגעטיילט מיט אַ פאָטערלעכן ציטער די שפּייז און ער האָט פאַר זיך נישט גענומען אפילו קיין איבעריק ברעקל.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם קבלת־פּנים אין דעם בונקער, די האַרציקע ברודערשאַפט. און מיר זיינען געווען הונגעריקע און מידע פון קאַמף, געבלאָנדזשעט, נישט געוואוסט וואוהין מיר זאָלן גיין און וואו מיר זאָלן זיך אָפּרוען. ער האָט געזען אונדזער לאַגע, האָט ער אונדז געגעבן טרינקען אַ ביסל קאָניאַק, וואָס ער האָט ביי זיך געהאַלטן פאַר שוואַכע און פאַר קראַנקע. און נאָכדעם האָט ער אונדז אויך געגעבן אַ ביסל פון זייער עסן. ווי אַנגענעם איז געווען דאָס געפיל, אַז ס'איז אויך דאָ אַזאַ „הינטערלאַנד”, אַז יידישע הערצער קלאַפּן מיט אונדז מיט — נאָך דער ביטערער און שרעקלעכער אַנטוישונג וואָס מיר האָבן געהאַט אין מאַסן יידן אין די אומגליקס־טעג . . .

אינעם ערשטן קאַמפּס־טאָג האָבן מיר זיך פּלוצלונג אָנגעשלאָגן לעבן דעם בונקער אין דריי דערהרגעטע דייטשן און ס'איז אונדז געווען אַ וואונדער, מיר האָבן געוואוסט, אַז נישט מיר האָבן זיי אוועקגעלייגט. אין אַ צייט אַרום האָט אונדז דער בחור דערציילט, אַז דעמאָלט ווען מיר האָבן געפירט דעם קאַמף און זיי זיינען געלעגן אינעם בונקער און זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס איז פאָרגעקומען, זיינען פון דאָרט אַרויס דריי פון זייערע בחורים, געשאָסן אויף די דייטשן פון אונטן און צוריק אוועק . . .

אַ פריידיקע באַגעגעניש מיט חברים אינעווייניק, מען דערציילט נייעס פון פראָנט, וואָס מען האָט אויפגעכאַפּט אין ראַדיאָ. צום סוף ווערט געפרעגט די אייביקע פראַגע: האָבן שוין די דייטשן געקראָגן זייער לעצטע מפּלה, און אויב נאָך נישט — טאָ ווען, ו ו ע ן ? . . .

אויפן וועג זיינען מיר אויך אַריינגעגאַנגען אינעם בונקער פון די פּינקערטאָוועצעס, דאָס זיינען די לייט פון דער חברה־קדישה, בראש פון וועלכע ס'איז געשטאַנען די וואַר־שעווער פאַמיליע פּינקערט. די דייטשן האָבן געטאָן אַ חסד מיט די קברנים פון דער געטאָ. זיי האָבן זיי באַדאַרפט האָבן, אַז זיי זאָלן באַגראָבן די טויטע און די גע'הרג'עטע

— און זיי האָבן זיי געלאָזט לעבן. דער יידישער בית־עלמין איז געווען אויסער דער געטאָ און דורך זיי האָבן מיר זיך פאַרבונדן מיט אונדזערע חברים אויף דער אַרישער זייט. אָבער דריי טעג זיינען פאַריבער זייט ס'זיינען אַרויס די קברנים און זיי האָבן זיך נאָך נישט אומגעקערט און קיינער ווייסט נישט וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט. אין יענע טעג האָבן מיר געוואַרט אויף אַ טראַנספּאָרט פון צוואַנציק ביקסן און אויף ידיעות וועגן הילף — ס'איז אָבער נישט געווען קיין צייכן און קיין סימן. יעדן אָוונט האָבן מיר באַזוכט דעם דאָזיקן בונקער — אומזיסט. אויך דעם אָוונט האָבן מיר זיי נישט געפונען. דאָס איז געווען אַ בונקער געבויט רחבותדיק פול מיט עסן וואָס מען האָט געבראַכט פון דאָרטן, פון דער אַרישער זייט; דאָ האָט אויך עמיצער פון אונדז זוכה געווען צו דערקוויקן די נשמה מיט אַ שטיקל ברויט פון וועלכן ער האָט שוין לאַנג פאַרגעסן דעם טעם . . .

סוף־כל־סוף זיינען מיר געקומען אינעם בונקער אויף פראַנטשישקאַנסקע 20. אַ שטורמישע חברים־באַגעגעניש. די ענגשאַפט איז דאָ זייער גרויס. צוריק מיט צען טעג, אין אָנהויב פון אויפשטאַנד, איז דער בונקער אַנטדעקט געוואָרן דורך די דייטשן און פיל זיינען פון דאָרט אַרויסגענומען און געטויט געוואָרן. דאָס איז געשען אַזוי: אַ ייד וואָס האָט נאָך געאַרבעט ביי די דייטשן איז יענעם טאָג געקומען אין דער באַגלייטונג פון דייטשן, אויף וועלכע ער האָט זיך פאַרלאָזט, אַרויסצונעמען זיין פאַמיליע, וואָס האָט דאָ געוואוינט. ער האָט טאַקע מיטגענומען מיט זיך זיינע בני־בית, אָבער אין עטלעכע שעה אַרום איז דער בונקער אַרומגערינגלט געוואָרן דורך דייטשן מיליטער. נאָר אַ דאַנק דעם אַריינגאַנג אין די קאַנאַליזאַציע־רערן זיינען פיל ניצול געוואָרן. 160 מענטשן פון די 300, וועלכע זיינען דאָרט געווען זיינען אַריין אין די קאַנאַליזאַציע־רערן און די דייטשן האָבן זיי נישט געפונען, זיי האָבן זיך נישט משער געווען, אַז פיל יידן זיינען אַנטרונען געוואָרן. אַז די דייטשן זיינען אַוועק, האָבן זיך די יידן אומגעקערט. און ווייל ס'איז נישט געווען קיין אַנדער פּלאַץ, האָבן זיי זיך ווידער צונויפגענומען אין דעם בונקער, אָבער זיי האָבן פאַרשטאָפּט זיינע פּאָדערשטע אַריינגענג, האָבן אים קלענער געמאַכט און זיך פאַרלאָזט אויפן שיקזאַל: די דייטשן וועלן זיך געוויס אהערצו נישט אומקערן, ווייל זיי זיינען זיכער, אַז זיי האָבן שוין געפאַנגען אַלע איינוואוינער פונעם בונקער.

מיר דערציילן אַ סך זאַכן אונדזערע חברים, ווייל זיי האָבן נישט קיין ראַדיאָ. מיר פירן אַ משא־ומתן מיט די פירערס פונעם בונקער און אויך מיט יענעם בחור, וואָס איז בקי אין די וועגן פון די קאַנאַליזאַציע־קאַנאַלן, און באַשליסן, אַז ביינאַכט גייע מיר אַרויס אין וועג אַריין און ער גייט מיט אונדז. ער האָט דערצו מסכים געווען בתנאי, אַז ער זאָל צושטיין צו אונדז און צוזאַמען מיט אונדז אַריבער אין דער אַרישער זייט אַריין. ער האָט מסכים געווען אויך זיך אומצוקערן נאָך די זעלבע נאַכט, אויסלערנען אונדזערן אַ בחור דעם וועג און מיט דער צווייטער גרופּע וועט ער אַרויסגיין אין וועג אַריין.

די לעצטע הכנות. מען נעמט מיט אַ ביסל עסן. אין יעדנס טאָרבע איז דאָ אַ שטיקל צוקער און אַ זשמעניע טרוקענע ברעקלעך. ווער ווייסט וואוהין ס'וועלן אָנקומען די אַרויסגייער און צי זיי וועלן אויך עפּעס קריגן צום עסן. אַ לעצטער שמועס מיט די וואָס גייען אַרויס, ס'ווערן געגעבן אינסטרוקציעס ווי אַזוי זיך אויפצופירן אויפן וועג און מען אַרבעט אויס דעם פּלאַן ווי אַזוי אַרויסצוגיין. דער אַרויסגאַנג פונעם טונעל איז אויף דער בעלינסקאַ גאַס. נאָענט צום אויסגאַנג זיינען פאַראַן חורבות פון הייזער וואָס זיינען באָמבאַרדירט געוואָרן אין יאָר 1939. אין די באַהעלטעניש פון די חורבות וועלן זיי געפינען דעם ערשטן שוץ־פּלאַץ. אויב זיי וועלן זיך אָנשלאָגן אויף אַ וואָך, זאָלן זיי עפענען אַ פייער און זיך דורכשלאָגן אַ וועג אין די חורבות אַריין. פּאַוועל און העלאַ שיפער, וועלכע האָבן אַרישע פּנימער זאָלן מאָרגן פאַרטאָג אַרויסגיין צו אונדזערע חברים אויף יענער זייט געטאָ. מיר חזר'ן זיי גוט איין די אַדרעסן און דעם טעלעפאָן־נומער. די איבעריקע וועלן וואַרטן ביז זיי וועלן זיך אומקערן. צום סוף באַשטימט מען אויך, אַז מאָרגן־איבערמאָרגן, זאָל פון דאַנען אַרויס אין וועג אַריין נאָך אַ גרופּע חברים.

ארום 9 אזייגער אין אָוונט וועלן זיי קומען צום אויסגאַנג פונעם טונעל און זיי וועלן דאָרטן וואַרטן אויף א צייכן — דריי קלעפּ איינער נאָך דעם אַנדערן — אויב די ערשטע זיינען אָנגעקומען בשלום און אויב מען קען אַרויסגיין. דער אַרויסגאַנג פון דער קאַנאַ־ליזאַציע איז אין מיטן גאַס ממש, פאַר אַלעמען אין די אויגן, און די געפאַר איז גרויס.

און ווידער זעגנט מען זיך, ווער ווייסט אויב נישט אויף אייביק. אַן איינגעהאַלטענע שטיקנדיקע אויפרעגונג, אָבער דאָס האַרץ ווערט איינגעקרעמפּט. עס איז פאַראַן א סך צו זאָגן צו די וואָס גייען: אפשר וועלן זיי בלייבן לעבן, אפשר וועלן זיי נאָך זוכה זיין און קומען אַהין אין וויטן געגאַרטן לאַנד, אָבער דער שמועס ווערט אָפּגעהאַקט. מען מורמלט א זיי־געזונט און מען דריקט די האַנט. איינער נאָכן צווייטן שפּרינגען די חברים אַרונטער פונעם בונקער אין דעם טיפן טונעל, אין דער טיף פון א מעטער. מען הערט ווי דאָס וואַסער שפּריצט אויף בעת זיי שפּרינגען אַריין. מיר שטייען צונויפגעדריקטע אַרום דער אָפענער לאָך. די וואָס גייען אַרויס האָבן מיטגענומען ליכט אויף צו באַלייכטן דעם פינצטערן טונעל. זיי ווערן נעלם . . . און דאָס האַרץ הערט זיך צו צו די טריט וואָס ווערן פאַרשלונגען אין די טיפענישן פון דעם טונעל.

אין צוויי און א האַלב שעה אַרום האָבן זיך די צוויי בחורים אומגעקערט, און מיט זיי דער וועגווייזער. זיי דערציילן, אַז זיי זיינען געקומען ביז צום אַרויסגאַנג, האָבן זיך אָפּגעשטעלט און זיך צוגעהערט צו די קולות, וואָס קומען פון אויבן. א גרויסע שטיל־שווייגעניש האָט געהערשט אין גאַס. זיי האָבן געעפנט דאָס טירל פון אויבן און איינער נאָכן צווייטן האָבן זיי זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן לייטער און אַרויס אין דרויסן. אויך זיי, וועלכע האָבו זיך באַדאַרפט אומקערן האָבן זיך געדראַפּעט און אַרויפגעגאַנגען, האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ אינדרויסן אַרויס, האָבן אין זיך אַריינגעאָטעמט די גוטע, פרישע לופט פון דער אַרישער גאַס, וואָס איז געווען פאַרזונקען אין א טיפן שלאָף. א פּאָר מינוט האָבן זיי נאָך באַגלייט מיט די אויגן די וועלכע זיינען אַרויסגעגאַנגען און וואָס האָבן זיך ניט אָנגעשטויסן אין קיין שום וואַך, נאָר אַז זיי האָבן זיך אומגעקערט און צוריק אַריין אינעווייניק אוןו פאַרשלאָסן איבער זיך דעם צודעק, האָבן זיי פּלוצלונג דערהערט שיסערייען. מען קען נישט וויסן, צי דאָס האָט מען געשאָסן אויף די, וואָס זיינען אַרויס, אָבער דאָס האַרץ איז נישט רואיק. זיי האָבן געהערט שיסערייען! . . .

* * *

די נאַכט גייט אַריבער, באַלד וועט שוין ווערן טאָג. מיר גרייטן זיך אַרויסצוגיין, זיך אומצוקערן און איבערגעבן א דין־וחשבון ווי דער ענין איז דורכגעפירט געוואָרן. אָבער מען איז צו אונדז צוגעשטאַנען און געבעטן אַז מיר זאָלן נישט גיין. ס'וועט דאָך שוין באַלד זיין ליכטיקער טאָג — און מען קען נישט אַרומגיין איבער די גאַסן! איך האָב נישט געוואָלט דאָרט פאַרבלייבן א גאַנצן טאָג, אָבער די מידקייט איז אַזוי גרויס, די אברים גליסטן נאָך א ביסל מנוחה, און אויך מאַרק, דער קאָמאַנדיר פון דער קעמפער־אָפּטיילונג אין דעם בונקער, בעט אונדז איבערצובלייבן. ער רעכנט אויך אַרויסצוגיין — ביינאַכט וועט ער מיט אונדז צוזאַמען זיך לאָזן אין וועג אַריין. אין דער גאַס איז שוין באַלד טאָג און ס'איז באמת אוממעגלעך אַרויסצוגיין.

מיר האָבן א גאַנצן טאָג געווײַלט אינעם בונקער, וואַרטנדיק אויף דעם אָוונט. נישט איינמאָל זיינען אין משך פון טאָג געהערט געוואָרן טריט און מיר זיינען געווען זיכער, אַז דאָס זיינען דייטשן וועלכע האָבן אַנטדעקט סימנים פון לעבן אונטן. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אין פאַל פון אַן אַטאַקע, זאָלן די קעמפער פאַרבלייבן מיט זייער געווער און זאָלן אַרויסשטעלן א ווידערשטאַנד די אַריינדרינגער, און אַלע ציווילִיסטן זאָלן אַריין אין די קאַנאַליזאַציע־קאַנאַלן. אָט סיגנאַליזירן די וועכטער מיט שרעק: זיי דערנענטערן זיך! אַלע איילן זיך צום אַריינגאַנג פונעם קאַנאַל. די פּאַניק איז גרויס. יללות, אימה. אונדזער חברה מוז צוריק אַרויפצווינגען רו דורך דראָען מיט געווער. די נערוון זיינען אָנגעצויגן און דער פּחד פאַר די דייטשן איז גרעסער ווי דער פּחד

פאַרן טויט אַליין. אָבער יענעם טאָג האָט גאָרנישט פּאַסירט. די דייטשן זיינען נישט געקומען. ווייזט אויס, אַז זיי האָבן אויסגעקוקט די סביבה, האָבן עפּעס אויפגעכאַפּט, פאַרדעכטיקט עפּעס, אָבער זיי האָבן נאָך נישט פּרובירט אַרויינצודרינגען.

ס'ווערט שוין טונקל. איך און חיים פּ. לאָזן זיך אין וועג אַריין. מאַרק עדלשטיין איז אויך מיט אונדז. דערפאַר וואָס מאַרק איז פאַרעכנט אַלס איינער פון די „הפקר־בחורים", וואָס היטן נישט אָפּ די כללים פון פאָרזיכטיקייט, נעמען מיר מיט אונדז מיט אַ ליכט אונז צו באַלייכטן דעם וועג. דאָס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן. מיר האָבן געוואוסט, אַז אַ ליכט קאָן אַמאָל ברענגען אויף אונדז אַן אומגליק, פונדעסטוועגן איז שווער אָן אַ ליכט און מיר גייען מיט דעם ליכט שטילערהייט צווישן די חורבות.

פּלוצלונג האָט דער ווינט אויסגעלאָשן דאָס ליכט. מיר זיינען געבליבן שטעקן אין אַ פינצטערער חורבה. מיר האָבן נישט געוואוסט וואו מיר זיינען און וואוהין צו גיין. מיר הויבן אָן צו קלעטערן. פּלוצלונג, איך ווייס נישט ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט, האָבן זיך מיינע פיס אויסגעגליטשט און איך בין אַריינגעפאַלן אין אַן אָפענער גרוב צווישן די חורבות. איין זאַך האָב איך געוואוסט, אַז מען טאָר ניט שרייען. דער ערשטער געדאַנק וואָס איז מיר געקומען אין באַוואוסטזיין איז געווען: וואו איז דער רעוואָלווער? די חברים, מיינע באַגלייטער, זיינען דערשראָקן מער פון מיר, ווייל זיי האָבן נישט געוואוסט, וואָס ס'האָט מיט מיר פּאַסירט. מיט שוועריקייטן האָבן זיי מיך אַרויסגעשלעפּט פונעם גרוב, און אונטערהינקענדיק, מיט צעקלאַפּטע הענט, בין איך ווייטער געגאַנגען.

וואָס מער מיר דערנענטערן זיך צו מילא 18, ווערן מיר אויפגעלייגטער. מיר מאַכן לוסטיקע פּלענער, ווי אַזוי מיר וועלן זיי „אָנציען", ווען מיר וועלן אַריינקומען. אָבער ווי איבעראַשט בין איך געוואָרן, אַז איך בין געקומען נאָענט צום בונקער און געזען, אַז עפּעס איז דאָרטן נישט ווי נעכטן־אייערנעכטן. איך האָב נישט דערקענט דעם פּלאַץ און אַ מינוט האָב איך געטראַכט, אַז מיר האָבן אַ טעות געהאַט. ס'איז דאָ עפּעס פאָרגעקומען אַן ענדערונג. די חורבות זיינען אויפגעבראָכן. די וואַך ביים אַריינגאַנג איז נישטאָ און אפילו דער אַריינגאַנג אַליין — וואו איז ער? אין האַרצן פאַר'גנב'עט זיך אַ זאָרג וואָס איך באַמי זיך צו איגנאָרירן. אפשר, רייד איך צו זיך אַליין, האָבן די מענטשן פונעם בונקער געוואָלט זיך בעסער פאַרפעסטיקן און זיי אַליין האָבן אַרויפגעקאַטשעט שטיינער אויפן אַריינגאַנג כדי מען זאָל אים נישט דערקענען. אָבער דער בונקער האָט דאָך זעקס אַריינגעאַנגען. מיר גייען צום צווייטן אַריינגאַנג. צום דריטן אַריינגאַנג, צום פערטן, און ס'איז פון זיי נישטאָ קיין זכר און קיין וואַך איז אויך נישטאָ. איינער פון אונדז רופט אויס דאָס פּאַסיר־וואָרט, טאָמער באַהאַלט זיך דאָך די וואַך, וועט זי ענטפערן אויף אונדזער רוף. אָבער קיינער ענטפערט נישט.

פאַרזאָרגטע, דערציטערטע, לויפן מיר אַרום און אַרום. ס'האָט געטראָפן אַן אומגליק! אין אַ נאָענטן הויף האָבן מיר פּלוצלונג באַמערקט שאָטנס וואָס באַוועגן זיך אין דער פינצטערניש. אַ רגע האָט זיך אונדז אויסגעוויזן, אַז דאָס זיינען אונדזערע גרופּעס, וועלכע לאָזן זיך אַרויס, ווי זייער שטייגער איז, יעדן אָוונט צו זייערע פליכטן, און מיר גייען צו צו זיי מיט פרייד. מיר דערקענען אונדזערע חברים, אָבער מיר ווערן באַלד דערציטערט פון זייער שרעקלעכן אויסזען — אויסגעשמירטע אין בלאָטע און אין ערד, שוואַכע און ציטערנדיקע, גלייך ווי נישט פון דער וועלט. עמיצער חלש'ט און אַ צווייטער אָטעמט שווער. יהודה ווענגראָווער כאָרכלט מיט אַ דערשטיקטן און שווערן אָטעם, און טאַסיע ליגט אַ פאַרוואונדעטע אין קאָפּ און אין פוס. עס רינגלען אונדז אַרום צעבראָכענע מענטשן, וואָס דערציילן מיט אויפגערעגטע שטימען וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט, ווי אַזוי ס'איז פאַרניכטעט געוואָרן דער בונקער פון די יידישע קעמפער אויף מילא גאַס 18, און ווי אַזוי די ווייניקע זיינען ניצול געוואָרן.

דאָ האָבן מיר באַגעגנט דריי חברים וועלכע זיינען אויך אייערנעכטן אַרויסגעגאַנגען

מיט אונדז פונעם בונקער מיט א שליחות אין געטאָ און האָבן זיך נאָרוואָס אומגעקערט. דאָס זיינען: טוביה באָזשיקאָווסקי, מערדעק און ישראל קאנעל. זיי זיינען אויך ארויס זוכן אויף דער ארישער זייט. זיי זיינען דאָרט ערגעץ געבליבן שטעקן ווי מיר און זיי האָבן זיך נישט געקענט אומקערן. זיי האָבן זיך אָנגעשלאָגן אויף א דייטשער וואך, האָבן מיט איר געהאט א צוזאמענשטויס, זיינען ארויס בשלום און זיינען אין משך פון טאָג פארבליבן אין די באהעלטענישן צווישן די חורבות, גרייטע פארן שונא. זיי זיינען אהערצו געקומען פאר אונדז און זיי האָבן שוין געהערט די שווידער־געשיכטע פונעם בונקער אויף מילא גאס 18.

און אָט ווי ס'האָבן אונדז דערציילט די איבערגעבליבענע וועגן די פאסירונגען:

נעכטן בייטאָג, ווען זיי זיינען נאָך געלעגן האלב־נאקעט אויף זייערע געלעגערס, האָט די וואך פלוצלונג מודיע געווען, אז ס'זיינען דאָ דייטשן נאָענט צום בונקער און מען הערט זייערע טריט. ביי אזעלכע פאלן האָבן די יידישע קעמפער אָנגענומען איינע פון די ווייטערדיקע שיטות. איינע: ווייל די דייטשן זיינען זיך נוהג אין אָנהויב אויסרופן מיט א הויכער שטימע, אז אלע יידן זאָלן ארויסגיין אין דרויסן ארויס, זאָל צום ערשטן ארויס־גיין אונדזער אן אָפטיילונג מיט געווער, וואָס זאָל באהאלטן זיין און נאָך אייניקע מינוט זאָל זי צעטומלען די דייטשן מיט פלוצלינגדיקע שיסערייען, און בשעת דער מהומה זיך צעלויפן אין אלע זייטן. ס'איז קלאָר, אז א טייל וועט ניצל ווערן. א צווייטע שיטה האָט געזאָגט, אז מען זאָל נישט פאָלגן די פאָדערונג פון די דייטשן, בלייבן אינעווייניק. אויב זיי וועלן פרובירן ארייננדרינגען אינעווייניק — זיי מקבל־פנים זיין מיט פייער. אין משך פונעם טאָג וועט מען נאָך קענען אָנהאלטן די פּאָזיציע — די דייטשן וועלן נישט וואגן ארייננגיין אינעווייניק — און ביינאכט זוכן אן אנטרינונגס־פּלאַץ. מיר האָבן געוואוסט, אז די דייטשן זיינען זיך נוהג צו נוצן גאזן אויך, אָבער מיר האָבן וועגן דעם קיין סך נישט געקלערט. עמיצער האָט געזאָגט, אז אויב דאָס פּנים איז באנעצט מיט וואסער, זיינען די גאזן נישט עפעקטיוו.

ס'איז באשלאָסן געוואָרן אָנצונעמען די צווייטע שיטה. אָבער אז די דייטשן האָבן גערופן די מענטשן אין דרויסן ארויס, זיינען די ציוויליסטן ארויס און צוזאמען מיט די פירערס פון די שטומפּס און האָבן זיך איבערגעגעבן. פון די קעמפער איז קיינער נישט ארויסגעגאנגען. די דייטשן האָבן ווידער אויסגערופן, אז ווער עס וועט ארויסגיין וועט גענומען ווערן צו ארבעט, און דער וואָס וועט נישט פאָלגן — וועט געשאָסן ווערן אויפן פּלאַץ. אונדזערע חברים האָבן זיך באפעסטיקט ביי די ארייננגאנגען און האָבן געוואַרט, מיט געווער אין די הענט, ביז די דייטשן וועלן אריין. די דייטשן האָבן ווידער צוגעזאָגט אז די וואָס וועלן ארויסגיין וועט מען קיין שלעכטס זיי נישט טאָן, אָבער קיינער האָט נישט מסכים געווען ארויסצוגיין. צום סוף האָבן די דייטשן אָנגעהויבן ארייינלאָזן גאזן אין בונקער אריין.

ס'האָט זיך דערנענטערט דער סוף פון 120 קעמפער. ס'איז נישטאָ קיין אנדער אויסוועג ווי דער טויט. די דייטשן האָבן זיי נישט פאראורטיילט אויף א גיכן טויט. זיי האָבן ארייינגעלאָזן אינעווייניק א קליינע קוואנטיטעט גאזן — און האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאמעלעך צו דערשטיקן די מענטשן. אריה ווילנער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט גערופן די קעמפער: קומט, לאָמיר באגיין זעלבסטמאָרד און נישט ארייינפאלן לעבעדיקע אין די דייטשע הענט אריין. א צאָל זיינען באגאנגען זעלבסטמאָרד. שיסערייען האָבן זיך געהערט אינעווייניק — דאָס זיינען יידישע קעמפער באגאנגען זעלבסטמאָרד. ס'האָט געטראָפן, אז א רעוואָלווער האָט נישט געארבעט און זיין אומגליקלעכער אייגנטימער האָט געבעטן רחמים ביי זיין חבר, אז ער זאָל אים טויטן, אָבער קיינער האָט נישט געוואגט דערהרגענען א פריינט. לוטעק ראָטבלאַט, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען מיט זיין מוטער און פלימעניצע האָט פיר מאָל מיט זיין רעוואָלווער געשאָסן אויף זיין מוטער — אָבער זי האָט נאָך אלץ געצאפּלט ווי א פארוואונדעטע און איז אָפּגעגאנגען מיט בלוט. בערל

ברוידע, וואָס זיין האַנט איז פאַרוואונדעט געוואָרן צוריק מיט עטלעכע טעג און ער האָט נישט געקענט האַלטן קיין רעוואָלווער, האָט געבעטן זיינע חברים, אַז זיי זאָלן מאַכן אַ סוף צו זיין לעבן. מרדכי אַנילעוויטש איז נאָך געווען זיכער, אַז דאָס וואַסער נעמט אַוועק די געפאַר פון גאַזן און האָט פאַרגעשלאָגן, אַז מען זאָל עס פּרובירן טאָן. פּלוצלונג איז עמיצער געקומען און מודיע געווען, אַז ס'איז געפונען געוואָרן אַן אויסגאַנג, וואָס די דייטשן ווייסן פון אים נישט, אָבער נאָר ווייניקע זיינען אַרויס דורך דעם אויסגאַנג, און די אַנדערע, וועלכע זיינען נאָך געבליבן לעבן זיינען דאָרט לאַנגזאַם דערשטיקט געוואָרן פון די גאַזן. אַזוי איז פאַרשניטן געוואָרן די פּראַכט פון דער קעמפנדיקער יידישער וואַרשע — הונדערט יידישע קעמפער האָבן אַזוי געפונען זייער טויט. צווישן זיי איז אויך געווען דער טייערער מרדכי אַנילעוויטש, וואָס איז געווען באַליבט ביי אַלע קעמפער, דער בראַווער קאָמאַנדיר מיטן שיינעם פּנים, וואָס אַפילו אין די שווידער־שעה'ן האָט אַ שמייכל געשפּילט אויף זיינע ליפּן . . .

איין־און־צוואַנציק מענטשן זיינען ניצל געוואָרן פון דעם גהינום, פון זיי אַכצן קעמפער. טיילוויז זיינען זיי נאָך געווען פאַרוואונדעט פון דעם זעלבסטמאָרד־פאַרזוך. אַ טייל פון זיי האָבן אין אַ גרויסער מאָס אַריינגעזאַפּט אין זייערע לונגען דעם גיפט פון די גאַזן און ס'איז זיי געווען שווער צו אָטעמען; באַזונדערס איז געווען שלעכט די לאַגע פון מנחם ביגלמאַן און יהודה ווענגראָוווער.

דאָס איז געווען אַ שרעקלעך דערשיטערנדיק בילד. מיר האָבן אַלע געוואַרט אויפן סוף. מיר האָבן געוואוסט, אַז ער דערנענטערט זיך און אַז ס'איז פון אים נישטאָ קיין אַנטרינונג, און פונדעסטוועגן האָט די דאָזיקע געשיכטע אָנגעוואָרפן אַ שווידער. דער טרויער אויפן טויט פון חברים, דער צער אויף חברים, וואָס גייען אַרום האַלב־טויטע — האָט געבוירעט אין האַרץ און ס'איז געווען אַ ווילן שווין צו פאַרענדיקן די דאָזיקע גסיסות, מיר האָבן אַליין נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. ווי פאַרוקטע האָבן מיר זיך אַרומגעיאָגט אַרום דעם בונקער און מיט אונזערע נעגל פּרובירט אויסצורייסן די אָנ־געהויערטע שטיינער, וואָס האָבן פאַרהאַקט דעם אַריינגאַנג, טאָמער וועט אונדז געלונגען צו קומען צו די קערפּערס, און אפשר וועלן מיר קענען נעמען דאָס געווער. אָבער די דייטשן האָבן אַלץ אויפגעריסן מיט דינאַמיט. מיט אַ געפיל פון אַ פאַריתומ'דיקייט זיינען מיר אַלע אויפגעשטאַנען צו גיין פון דעם דאָזיקן שרעקלעכן פּלאַץ און געפינען אַ שוץ־פּלאַץ פאַר דעם מאָרגן. די ליפּן האָבן אַפּשייד־ווערטער געמורמלט צו אונדזערע געטרייע און בראַווע חברים, דאָס פּראַכט פון אונדזער אומגליקלעכער גבורה, וואָס איז דאָ פאַרשניטן געוואָרן. דאָ האָבן מיר באַגראָבן די רעשט פון אונדזערע חלומות און אונדזער האָפענונג, דאָס וואָס איז אונדז אַמטייערסטן, און מיר האָבן געפילט אַז מיר גייען איצט פון דאַנען נאַקעטע און אויסגעליידיקטע. פון נשמה, פון חלום, פון אמונה . . . אַלץ איז דאָ באַגראָבן געוואָרן אויף אייביק.

מיר זיינען געגאַנגען, אַ מאַסע קערפּערס וואָס באַוועגן זיך ווי שאָטנס, אָן אַ גייסט, ווי גייענדיקע מתים. אָט אַזוי האָט זיך די גרופּע געשלעפּט לאַנגזאַם, שווייגנדיק, טרויעריק, און די ציטערדיקע נשמה — הויט־נאַקעט.

אויפן וועג האָבן מיר אָפּגעקערעוועט צו זכריה'ס אָפּטיילונג און האָבן אים איבער־געגעבן וואָס ס'האָט פּאַסירט. און אַגב, לאָזן אים וויסן, אַז פון היינט אָן און ווייטער איז דער פּלאַץ פונעם שטאַב אויף פראַנטשישקאַנסקע 20. דער היציקער זכריה האָט זיך אינגאַנצן אָנגעצונדן: וואָס־זשע איז אַלץ דאָ צו וואַרטן?! לאָמיר אַלע אַרויסגיין אַנטקעגן די דייטשן אין מיטן דער גאַס און אין העלן טאָג, לאָמיר אויף זיי שיסן און פאַלן אין קאַמף און ס'וועט נעמען אַ סוף.

דאָס איז געווען מיין לעצטע באַגעגעניש מיט זכריה'ן — לויט דעם נאָמען האָבן אים אַלע געקענט. ס'איז נישט געווען קיין ייד אין געטאָ וואָס זאָל אים נישט קענען. אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען אין די נעכט בראש פון זיין אָפּטיילונג, פלעגט מען הערן ווי

ארום אים שעפּטשען די ליפּן פון פיל יידן מיט פאַרערונג און ליבשאַפט: זכריה׳ש, זכריה׳ש. דאָס האָט ער אונדז, די קעמפער, געבראַכט די ערשטע ביקס, נאָך אין די טעג פון יאַנואַר־אויפשטאַנד, אַז די דייטשן זיינען צו אים אין יענע טעג אַריין, האָט ער זיך געמאַכט גלייך ווי ער גיט זיך אונטער, האָט אויפגעהויבן די הענט אַרויפצו און אין אַ הרף עין האָט ער שנעל אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער, דערשאָסן דעם דייטש, צוגע־נומען זיין ביקס און זי צו אונדז געבראַכט. וואָס פאַר־אַ פרייד איז דאָס דעמאָלט געווען זעענדיק די דאָזיקע ערשטע ביקס!

מיר זיינען געקומען אינעם בונקער אויף פראַנטשישקאַנסקע 20 און מיט אונדז די שארית־הפליטה. אַ שטומער טרויער אין חלל. אַלע ליגן מיר אויף דער ערד אומבאַ־וועגלעך, אָן אַ וואָרט אויסצורייד, דער ווילן איז פּאַראַליזירט, די הענט פאַרשטיינערט, מיר האָבן נישט באַנדאַזשירט די פאַרוואונדעטע, אונדזערע ליפּן האָבן זיך נישט צוגע־רירט צו דער שיסל מיט געקאָכטן זופּ וואָס מען האָט אונדז דערלאַנגט. פינצטערניש פון אינעווייניק און פון דרויסן.

היינט ביינאַכט, ניין אַזייגער, האָבן אונדזערע חברים געדאַרפט וואַרטן ביי דעם אַרויסגאַנג פון די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף אַ צייכן פון די וואָס זיינען נעכטן אַרויסגע־גאַנגען. אָבער קיינער איז נישט געשיקט געוואָרן אויפצונעמען דעם צייכן.

די אחריות פאַר די איבערגעבליבענע שטעלט דיך פונדעסטוועגן אויף די פיס. מען דאַרף שיקן נאָך אַ גרופּע דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן. קיינער וויל נישט גיין? לאָמיר דאָ אַלע בלייבן און צוזאַמען פאַרענדיקן אונדזער לעבן! אַ לעצטער יאוש שוועבט אין חלל און אין די הערצער. אַלע סימנים זאָגן עדות, אַז היינט וועלן אויך אַהער קומען די דייטשן. און אָט ווערט געגעבן אַ באַפעל צו אַ גרופּע חברים אויפצושטיין און אַרויסגיין אין וועג אַריין. די בחורים זיינען געוואוינט צו פאָלגן אַ באַפעל און די צען חברים זיינען גרייט אַרויסצוגיין און מיט זיי די צוויי, וועלכע האָבן זיך נעכטן אומגעקערט, זיי צו ווייזן דעם וועג.

ביים זעגענען זיך האָט זיך געעפנט דאָס פאַרשלאָסענע האַרץ און די טרערן שטראָמען, כאָטש מען שעמט זיך צו וויינען. ס׳איז שווער דאָס זעגענען זיך. יעדער איינער קלערט: וואָס פאַראַ צוואה זאָל איך איבערגעבן די טייערע, דער וועלט, די קומענדיקע דורות, די חברים דאָרטן אינעם געגאַרטן לאַנד? איינער נאָכן צווייטן ריידן: דערציילט וועגן אונדזער קאַמף, דערציילט וועגן אונדזער איינזאַמקייט, דערציילט וועגן אונדזער האַלטן זיך. דערציילט!

מען איז געגאַנגען, אַ שטילשווייגעניש האָט געהערשט, אָבער באַלד איז עפּעס אַזוי ווי געוואָרן אַן אַנדער שטימונג. מיר זיינען אַ ביסל אויפגעמונטערט געוואָרן. דער לעבנס־ווילן האָט ווידער אָנגעהויבן קלאַפּן פונדאַסניי. מיר האָבן אָנגעהויבן זיך מטפּל זיין מיט די מענטשן, וועלכע זיינען ניצל געוואָרן, צו פאַרבאַנדאַזשירן זייערע וואונדן. איך געדענק, אַז ס׳איז אפילו נישט געווען מיט וואָס אויפצוקאָכן אַ ביסל וואַסער. צופעליק איז נתגלה געוואָרן אַ פלאַש ספּירט און מען האָט אים אָנגעצונדן אין אַ שיסל: מיט די הענט האָבן מיר געהאַלטן אַ פלאַש וואַסער אויפן פייער, אָבער דער ספּירט איז נישט געווען גענוג, אַז דאָס וואַסער זאָל אויפקאָכן. אָבער אַ ביסל וואַסער איז פונדעסטוועגן געווען צו שטילן דעם דורשט.

מידע און דערשלאָגענע זיינען מיר געלעגן, יעדער איינער אין זיין ווינקל, און דער לעצטער לעבנס־חשבון האָט געבויערט און קיין רו נישט געגעבן . . .

איך האָב זיך געדרייט אויף מיין געלעגער און ס׳איז געווען שווער, נאָך די דערשי־טערונגען פונעם טאָג, אַנדרימלט צו ווערן, טראָץ דער גרויסער מידקייט. מיין פּלאַץ איז

דאָך געווען אויף מילא גאַס 18 צוזאַמען מיט מיינע חברים; איך האָב דאָך באַדאַרפֿט טרינקען פֿונעם זעלבן בעכער. און נאָר א בלינדער גורל האָט מיך פֿון זיי אָפּגעריסן און די בעסטע צווישן אונדז, אונדזערע טייערסטע בחורים און מיידלעך, האָט ער פֿאַר־משפּט צום אונטערגאַנג. שפּינוועבס־חלומות האָבן מיך אַרומגענומען אין מיין צעשטערטן שלאָף, און פּלוצלונג פֿיל איך, אַז עמיצער שטייט לעבן מיר. איך עפֿן מיינע אויגן און זע די צוויי בחורים, די וועגווייזער, וואָס אויף זיי איז אַרויפֿגעלייגט געוואָרן די אויפֿגאַבע אַרויסצוגיין מיט דער גרופּע אין די קאַנאַליזאַציע־רערן. אין דער ערשטער רגע בין איך געווען ווי צעמישט פֿון זייער אויסזען. איך האָב נישט פֿאַרשטאַנען וואָס דאָס באַדייט. וואָס ווילן זיי דאָ? ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך חלום ווייטער דעם שווידער־חלום, אָבער באַלד האָב איך זיך אויסגעשוכעט: ס׳האָט געווים געטראָפֿן אַן אומגליק די בחורים, און נאָר די צוויי האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט. אָבער ווי צעטומלט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב דערהערט, ווי זיי דערציילן און שטיקן זיך מיטן אָטעם פֿון גרויסער אויפֿרעגונג, אַז זיי האָבן באַגעגנט אין די קאַנאַליזאַציע־רערן שמחה ריטהויזער (קאַזיק), וואָס וואַרט אויף אונדז אַלע.

„דער חלום פון מיין לעבן איז פאַרווירקלעכט געוואָרן"

(דעם דאָזיקן בריוו האָט מרדכי אניעלעוויטש, דער קאָמענדאַנט פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, געשריבן צו יצחק צוקערמאַן (אַנטעק), וועלכער איז דאַן געווען אין שליחות פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף דער אַרישער זייט.)

דעם 23־טן אַפּריל, 1943

שלום יצחק,

איך ווייס נישט וואָס צו שרייבן דיר צוערשט. זיי מוותר דאָס מאָל אויף פּערזענלעכע פּרטים. איך קען דיר נאָר זאָגן פאָלגנדעס: דאָס וואָס איז געשען שטייגט איבער אונדזערע סאַמע דרייסטע טרוימען. די דייטשן זיינען צוויי מאָל געצוואונגען געוואָרן צו אַנטלויפן פון געטאָ. איינע פון אונדזערע אָפּטיילונגען האָט אויסגעהאַלטן אויף איר פּאָזיציע 40 מינוט, א צווייטע אָפּטיילונג — איבער זעקס שעה. די מינע, וואָס מיר האָבן פאַרלייגט אויפן געביט פון די בערשטער־פאַבריקן האָט אויפגעריסן. אויף אונדזער זייט האָבן מיר ביז איצט געהאַט איין קרבן: יחיאל איז ביים מאַשין־ביקס אומגעקומען א העלדישן טויט.

ווען מיר האָבן נעכטן געהערט, אַז די מיטגלידער פון פּפּ"ר האָבן אַטאַקירט די דייטשן און אַז די ראַדיאָ־סטאַנציע „שוויט" האָט איבערגעגעבן א וואונדערבאַרע ידיעה וועגן אונדזער זעלבסט־פאַרטיידיקונג — האָבן מיר געהאַט דאָס געפיל פון שלימותדיקייט. די אַרבעט וואָס דערוואַרט אונדז איז נאָך א גרויסע, אָבער אַלץ וואָס איז ביז איצט געטאָן געוואָרן איז געווען בשלימות.

די אַלגעמיינע לאַגע: אַלע וואַרשטאַטן אין געטאָ און אויסער אים זיינען געשלאָסן געוואָרן, אויסער דער „ווערטערפּאַסונג", „טראַנסאַוויע" און „דערינג". וועגן דער לאַגע ביי שולץ און טעבענס האָב איך נישט קיין ידיעות. די פאַרבינדונג איז איבערגעריסן געוואָרן. די בערשטער־וואַרשטאַטן שטייען שוין דריי טעג אין פלאַמען. איך האָב נישט קיין פאַרבינדונג מיט די קאַמף־גרופּן. א סך שריפות אין געטאָ. נעכטן האָט געברענט דער שפּיטאָל — אויף גענשע 6. גאַנצע הייזער־בלאָקן שטייען אין פלאַמען. די פּאָליציי איז צעטריבן געוואָרן אויסער דער „ווערטערפּאַסונג".

אָנהויבנדיק היינט אָוונט גייען מיר אַריבער אויף א טאַקטיק פון פּאַרטיזאַנער־קאַמפן. היינט ביינאַכט גייען אַרויס דריי קאַמפס־אָפּטיילונגען. זיי האָבן צוויי אויפגאַבן: אויסשפּיר און געווער־דערלאַנגונג. געדענק, אַז קורץ געווער האָט פאַר אונדז קיין שום באַדייטונג נישט. מיר האָבן זיך כמעט נישט באַנוצט מיט אים. מיר דאַרפן דרינגנדיק: גראַנאַטן, ביקסן, מאַשין־ביקסן און אויפרייס־מאַטעריאַלן.

עס איז נישט מעגלעך צו באַשרייבן אין וואָס פאַרא־באַדינגונגען עס לעבן די יידן אין געטאָ. נאָר איינצלנע וועלן עס קאָנען אַריבערטראָגן. אַלע איבעריקע וועלן פריער אָדער שפּעטער אומקומען. זייער גורל איז גע'חתמ'עט. אין אַלע בונקערס, וואו עס באַהאַלטן זיך אונדזערע חברים, קאָן מען קיין ליכט נישט אָנצינדן, ווייל עס פעלט לופט.

זיי געזונט, מיין טייערער, אפשר וועלן מיר זיך נאָך טרעפן. דער עיקר: **דער טרוים פון מיין לעבן איז שוין פאַרווירקלעכט געוואָרן.** איך האָב זוכה געווען צו זען די יידישע זעלבסטשוץ אין געטאָ אין איר פולער דערהויבנקייט און פּראַכט.

מרדכי (אַניעלעוויטש)

מרדכי אַניעלעוויטש

קאָמאַנדיר פון ווארשעווער געטאָ־אויפשטאַנד — איז אומגעקומען אין דער געטאָ

יצחק צוקערמאַן

דער יידישער אויפשטאַנד

(פון א רעדע, געהאלטן אין מאַי, 1947, אויפן ראט פון קבוץ המאוחד אין קיבוץ נען).

— — — די יידישע קאמפס־אָרגאניזאציע האָט געציילט 24 גרופּן. זיי זיינען געווען צוזאמענגעשטעלט לויטן פּרינציפּ פון באוועגונגס־צוגעהעריקייט. מיר האָבן געזאָגט: די קאמפּס־אָרגאניזאציע דארף באשטיין פון מיליטערישע איינסן, וואָס זייערע מיטגלידער זיינען שטארק געבונדן צווישן זיך און האָבן דעם גרעסטן צוטרוי איינער צום אנדערן. מיר האָבן געטראכט: מענטשן וואָס האָבן זיך דערצויגן צוזאמען אין צייט פון מלחמה, האָבן געלעבט צוזאמען און קענען איינער דעם אנדערן וועלן קעמפן צוזאמען מיט מער כוח. ווען מיר וואָלטן געבויט די קאמפּס־אָרגאניזאציע במשך יאָרן וואָלטן מיר מן הסתם עס געטאָן לויט אנדערע פּרינציפּן, אָבער די צייט איז געווען זייער קורץ. מיר האָבן געוואוסט, אז אויב צווישן דעם קאָמאנדיר און די זעלנער וועט נישט הערשן פול־שטענדיקער צוטרוי וועט די גרופּע נישט פארוואנדלט ווערן אין א קאמפּס־איינהייט. דער פּרינציפּ פון צוגעהעריקייט צו א באוועגונג איז פאר אונדז געווען א מיליטערישער ערך. דערפון דארף מען נישט לערנען, אז אלע גרופּן זיינען געווען אין זייער צוזאמענשטעל איינהייטלעך, עס זיינען געווען אויך געמישטע גרופּעס.

דער יסוד פאר דער יידישער קאמפּס־אָרגאניזאציע זיינען געווען די קיבוצים. מיר האָבן זיך איבערצייגט אז א קאמפּס־איינהייט קאָן נישט עקזיסטירן אויב אירע חברים זיינען נישט קאָשאַרירט. דער יאנואר־אויפשטאנד האָט אונדז געלערנט, אז די קעמפער וואָס זיינען נישט געווען קאָנצענטרירט אויף איין אָרט האָבן נישט געקעמפט אפילו ווען זיי האָבן געהאט געווער. געקעמפט האָבן די, וואָס האָבן זיך געפונען אויף זאמענהאָף 56 און 58, אויף מילע 34 און 63, וואָס זיינען געווען אין די קאָמונעס פון „החלוץ". פון דאן אָן זיינען אלע קעמפער געווען מחויב צו לעבן צוזאמען אין א קאָלעקטיוו.

אונדזער באוואפענונג איז באשטאנען פון: רעוואָלווערן — א רעוואָלווער אויף א מענטשן; וויניקע ביקסן; אן אויטאָמאטישער רעוואָלווער; מינעס וואָס זיינען באהאלטן געוואָרן אין 5־6 מקומות; באָמבעס פון אייגענער אויסארבעטונג מיט גרויסער אויפרייס־קראפט; צינד־פלאשן; אָפענסיווע־און פארטיידיקונגס־גראנאטן, פּוילישע און דייטשע. א חוץ דעם אלעמען האָבן מיר געהאט נאָך א געווער: א גרויסע אידיי, גרייטקייט, מסירת־נפש. דער געדאנק פון אויפשטאנד איז געווען די צענטראלע אידיי פון אונדזער לעבן. דאָס צוגרייטן דעם אויפשטאנד איז געווען אין אונדזערע אויגן דער איינציקער היתר צום לעבן אין דער צייט, ווען א האלבער מיליאָן יידן אין ווארשע און הונדערטער טויזנטער אין אנדערע מקומות זיינען אומגעבראכט געוואָרן. אלץ, אלע אונדזערע געדאנקען און מעשים, האָבן מיר געמאָסטן מיט דער איינציקער מאָס: יאָ אויפשטאנד, צי נישט אויפ־שטאנד.

ווען איך וואָלט איצט וועלן זיך אָפּשטעלן אויף די פעלערן, וואָס מיר האָבן דאן געמאכט, וואָלט איך געזאָגט: מיר האָבן געקאָנט א סך מער קעמפער ארויספירן פון ווארשעווער געטאָ, אָבער מיר האָבן מורא געהאט פאר יעדער שפּארונג פון צוריקטריט. מיר האָבן מורא געהאט, טאָמער וועלן מיר איינפלאנצן אין הארצן פון א מענטשן דעם געדאנק, אז ער קען ראטעווען דאָס לעבן, אפילו ווען ער וועט נישט קעמפן. און נאָר צוליב דעם האָבן מיר נישט צוגעגרייט באצייטנס הייזער אויף דער ארישער זייט, און נישט אויטאָס און אויך נישט מענטשן, וואָס זאָלן וויסן צו פירן אונדז אין די קאנאליזאַ־ציע־קאנאלן. אפשר איז עס געווען א גרויסער פעלער פון אונדזער זייט, אָבער ער איז

געווען בארעכטיקט אין די באדינגונגען פון יענער צייט — מיר האָבן מורא געהאַט צו פארפאסן דעם מאָמענט. מורא געהאט טאָמער וועט אימיצער נכשל ווערן און א טראכט טאָן: זיי גרייטן, אָבער וועלן נישט קעמפן. מיר האָבן מורא געהאט, אז אונדזער גורל וועט זיין טרעבלינקע און נישט אויפשטאנד. צוליב דעם האָבן מיר אויף זיך גענומען די היסטאָרישע אחריות און נישט געלאָזט די יידן גיין אין פּאניאטאווא און טראווניק. מיר האָבן געוואוסט, אז אָן יידן וועט אין געטאָ קיין אויפשטאנד נישט זיין.

עס איז געווען אזא אטמאָספער אין דער חלוצישער באוועגונג און אין אונדזערע יוגנט־באוועגונגען, וואָס האָט געזאָגט: אויפשטאנד. די געדאנקען — אויפשטאנד, דאָס לעבן — אויפשטאנד, אלץ איז געווען געוואָנדן אין איין ריכטונג, צו איין ציל — אויפשטאנד. מיר האָבן געוואוסט, אז דאָס יידישע פאָלק לעבט און וועט לעבן, און אז נישט איינמאָל גיט דער טויט צו טעם דעם לעבן פון די איבערגעבליבענע. מיר האָבן געזאָגט: קאמף אין נאָמען פון לעבן, צוליב די אלע וואָס געפינען זיך מעבר לים, קאמף פאר זיי און פאר אונדז. פאר זייער און אונדזער כבוד, פאר דעם המשך פון די קומענדע דורות.

ווארשע איז פארוואנדלט געוואָרן אין א סימבאָל, אָבער ווארשע איז נישט געווען פאראיינזאמט אין דער יידישער מלחמה. אין ווארשע איז דער קאמף דערגאנגען צו דער העכסטער מדרגה, דאָ האָט ער באקומען זיין פולן אויסדרוק, אָבער נישט נאָר אין ווארשע האָבן יידן געקעמפט. פאר ווארשע און נאָך ווארשע זיינען געווען אויפשטאנדן און פּרואוון צו מאכן אן אויפשטאנד: אין טשענסטאָכאָוו און ביאליסטאָק, אין בענדין און ווילנע, אין קראָקע און אין צענדליקער שטעטלעך און לאַגערן האָט געקעמפט די יידישע יוגנט. נישט שטענדיק איז די זאך אדורך מיט דערפאָלג. עס זיינען געווען ערטער, אין וועלכע נישט די קאמפס־אָרגאניזאציע האָט זיך באמעכטיקט איבערן געטאָ, איבערן געסטאפּאָ, איבערן יודנראט, נאָר להיפוך די קאמפס־אָרגאניזאציע האָט געמוזט אָפּטרעטן פאר זיי. געווען ערטער, וואו נישט די קאָלאבאָראטאָרן, נאָר די יידישע קעמפער האָבן געמוזט פארלאָזן דאָס געטאָ.

אָבער אויב אין דער צוקונפט וועט בלייבן א זכר פון יידישן קאמף, וועלן אין יידישן געדאנק, אין דער יידישער מחשבה, אויך דערמאָנט ווערן די יידישע בחורים פון טשענסטאָכאָוו, וועלכע זיינען ארויס אין קאמף קעגן די דייטשן, זייערע רעוואָלווערן האָבן פארזאָגט און זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף די דייטשן מיט הוילע הענט. מעגלעך, אז זייערע מעשים האָבן נישט געהאט דעם אָפּקלאנג, צו וועלכן עס האָט זוכה געווען דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטאָ, אָבער אין פּרט פון מאָראלישער גבורה, גרייטקייט און מסירות, זיינען זיי נישט אָפּגעשטאנען פון די ווארשעווער קעמפער.

דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטאָ איז געווען אן אויפשטאנד פון איינזאמע, אָבער דאָס איז נישט געווען דער סאמע שווערסטער אויפשטאנד. עס איז פאראן נאָך א שווערערער קאמף: עס האָבן אונדז באוויזן די מענטשן אין טרעבלינקע און אין סאביבאר: עס איז מעגלעך אן אויפשטאנד אפילו אין גיהנום. יידן האָבן געקענט רעוואָלטירן אין טרעבלינקע, אין סאביבאר, אין די גאז־קאמערן. און אפילו זיי האָבן עס געטאָן שפּעט, נאָך אלעמען, נאָכדעם ווי מיליאָנען זיינען דערמאָרדעט געוואָרן, האָבן זיי דאָך באוויזן, אז עס איז מעגלעך, דער מענטש זאָל קעמפן אפילו אין תהום פון אומקום.

יצחק קאצענעלסאָן

צו די הימלען

(א קאפיטל פון „דאָס ליד פון אויסגעהרגיטן יידישן פאָלק",
געשריבן אין וויטעל, אין יאָר 1944).

אזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן, באַלד אין אָנהויב . . . הימלען, זאָגט פאַרוואָס? א, זאָגט פאַרוועןן?
פאַרוואָס אָ, קומט עס אונדז אזוי פאַרשעמט צו ווערן אויף דער גרויסער ערד?
די ערד טויב־שטום, האָט ווי פאַרמאַכט די אויגן . . . איר הימלען אָבער, איר האָט דאָך געזען,
איר האָט זיך צוגעקוקט פון אין דערהויך, פון אויבן, און ניט איבער זיך געקערט!

ניט פאַרוואָלקנט האָט זיך אייער בילִיקע די בלוי און האָט ווי שטענדיק פאַלש געשעמעריִרט
די זון אין רויטן ווי א תליון גרויזאַם האָט אין שטענדיקן געקוילערט זיך אין קרייז,
די לבנה, ווי אַן אַלטע הור, א זינדיקע, איז אין די נעכט ארויס אויף איר שפּאַציר,
און שטערן האָבן צוגעוואונקען שמוציק, געפינקלט מיט די אויגעלעך ווי מייז.

אוועקט! איך וויל אויף אייך ניט קוקן, איך וויל ניט זען אייך, ניט וויסן פון אייך מער!
אָ, הימלען פאַלשע, א, געגאַרערישע, נידעריקע הימלען אין דער הויך, אַך ווי מיר פאַרדריסט —
איך האָב אַמאָל געגלויבט אייך, פאַרטרויט מיין פרייד, מיין אומעט אייך, מיין שמייכל און מיין טרער,
איר זענט ניט בעסער פון דער מיאוסער דער ערד, דער גרויסער הויפן מיסט!

איך האָב געגלויבט אייך, הימלען, באַזונגען אייך אין מיינע לידער אלע, אין יעדן מיין געזאַנג —
איך האָב געהאַט אייך ליב, ווי ליב מען האָט א פרוי, זי איז אוועק, צערונען ווי א שוים,
איך האָב די זון אין אייך נאָך אין מיין פריסטער יוגנט, די זון אין פלאַמען פון איר אונטערגאַנג,
פאַרגליכן מיט מיין האָפנונג: אזוי פאַרגייט מיין האָפנונג, אזוי פאַרלעשט מיין טרוים!"

אוועקט! אוועקט! איר האָט אונדז אָפּגענאַרט, גענאַרט מיין פאָלק, גענאַרט מיין אלטן שטאָם!
פון אייביק אָן—איר נאַרט אונדז, איר האָט די אבות מיינע, די נביאים מיינע נאָך גענאַרט!
צו אייך, צו אייך—האָבן זיי די אויגן זייערע געהויבן, אָנגעצונדן זיך אין אייער פלאַם,
די טרייסטע אייערע אויף דר'ערד האָבן זיי אויף דר'ערד דאָ, אין בענקשאַפט אייך גענאַרט.

אייך געוואַלט . . . צו אייך די די ערשטע אויסגערופן: האזינו! פריער איר — פאַרנעמט!
און שפּעטער ערשט די ערד. אזוי מיין משה און אזוי ישעיה, מיין ישעיה: שמעו —הערט!
און שומו! ירמיה שרייט: שומו! ווער זשע אויב ניט איר? וואָס האָט איר פּלוצלונג זיך אזוי פאַרפרעמדט?
אָ, הימלען אָפענע, אָ, ליכטיקע איר הימלען, אָ, הימלען־הויך, איר זענט דאָך ווי די ערד.

איר קענט ניט, איר דערקענט אונדז שוין ניט מער, פאַרוואָס? צי האָבן מיר זיך דען אזוי געביטן? אזוי געענדערט זיך? מיר זיינען דאָך די זעלביקע די יידן פון אמאָל —
און בעסער נאָך א סך . . . ניט איך! ניט איך וויל צו מיינע נביאים זיך פאַרגלייכן, ניט איך קען,
נאָר די יידן אלע, די צום טויט געפירטע, די מיליאָנען מיינע אויסגעהרגעטע דאָ מיט אמאָל.

זיי זיינען בעסער נאָך, מער אויסגעליטן, אויסגעליטערט מער אין גלות דאָ! אָ, וואָס באטייט
א איד א גרויסער, אן אמאָליקער, אנטקעגן קליין א יעצטיקן, א פשוטן, א דורכשניטלעכן איד
אין פוילן, ליטע, אין וואָלין, אין יעדן גלות,—פון יעדן אידן קלאָגט און שרייט
א ירמיה ארויס, אן איוב אין יסורים גרויס, א מלך אן אנטווישטער מיט א קוהלת־ליד.

איר קענט ניט, איר דערקענט אונדז שוין ניט מער, ניט קיינער, ווי מיר וואָלטן זיך פארשטעלט,
מיר זיינען דאָך די זעלביקע יידן פון אמאָל, מיר זינדיקן נאָך אלץ צו זיך אליין,
מיר זאָגן־אָפּ זיך אלץ נאָך פונעם אייגענעם פון גליק און ווילן אלץ נאָך ראטעווען די וועלט, —
וואָס זענט איר בלוי אזוי, איר הימלען בלוי, ביי אונדזער אויסגעהרגעט ווערן? וואָס זענט איר אזוי שיין?

איך וועל ווי שאול, ווי מיין קעניג, זיך אוועקלאָזן אין מיינע פיינען צו דער בעלת־אוב,
איך וועל דעם וועג געפינען, דעם פארצווייפלטן, דעם וועג דעם חושכדיקן קיין עין־דור,
און כ'רוף פון דער ערד ארויס אלע מיינע נביאים און באשווער זיי אלע: קוקט, אָ, קוקט ארויף,
צו אייערע הימלען־העל און שפייט אין פנים זיי: צו אלדי שווארצע יאָר אייך! צו אלדי שווארצע יאָר!

איר האָט זיך, הימלען, צוגעקוקט פון אויבן, ווי מען האָט די קינדער פון מיין פאָלק געפירט
איבער וואסערן, אויף באנען און צופוס, אין טעג אין העלע און אין פינצטערע אין נעכט, צום טויט,
מיליאָנען קינדער האָבן ביים דערהרגעט ווערן הענט צו אייך געהויבן — ס'האָט אייך ניט גערירט,
מיליאָנען מאמעס אידעלע און טאטעס—ניט פארציטערט האָט אויף אייך די בלאָע הויט...

איר האָט געזען די יאָמעלעך, עלפּיעריקע, אליין די פרייד! א פרייד, א גוטסקייט בלויז,
און די בנציונלעך, די יונגע גאונים, די ערנסטע, די זוכער . . . אָ, טרייסט פון אלץ וואָס לעבן!
איר האָט געזען די חנה'ס וואָס האָבן זיי געהאט, וואָס האָבן זיי פאר גאָט געהייליקט אין זיין הויז,
איר האָט זיך צוגעקוקט . . . איר האָט קיין גאָט אין זיך ניט, הימלען! הימלען גאָרנישט! הימלען אויסגעוועבט!

איר האָט קיין גאָט אין זיך ניט! עפנט אויף די טויערן, איר הימלען, עפנט אויף זיי ברייט,
און לאָזט די קינדער אלע פון מיין אויסגעהרגעטן, פון פארפייניקטן מיין פאָלק אריין,
עפנט אויף זיי צו דער גרויסער הימלפּארט, גאנץ א פאָלק געקרייציקט שווער אין לייד
דארף אין אייך אריין . . . אָ, יעדער פון די קינדער מיינע אומגעבראכט, קען א גאָט זיי זיין!

אָ, הימלען אויסגעלײדיקטע און וויסטע, הימלען ווי א מדבר ווייט און וויסט, איך האָב
מיין איינציקן מיין גאָט אין אייך פארלוירן, און זיי איז ווייניק האָבן אין אייך דריי —
דער אידישער דער גאָט, זיין גייסט און דער גליל־איד פון זיי געהאָנגען איז זיי קנאפּ,
זיי האָבן אלע אונדז אין הימל אָפּגעשיקט, — אָ עקלדיקע און געמיינע געטערדינעריי!

פרייט זיך, הימלען, פרייט זיך!—איר זענט געוועזן אָרים, יעצט זענט איר רייך,
א געבענטשטער אזא שניט — גאנץ, גאנץ א פאָלק, אזא גליק איז, הימלען אייך באשערט!
פרייט זיך, הימלען אויבן, מיט די דייטשן, און די דייטשן אונטן זאָלן פרייען זיך מיט אייך,
און זאָל א פייער פון דער ערד אויף אייך ארויסגיין און א פייער זאָל צעפלאקערן פון אייך זיך אויף דער ערד.

די יידישע קאַמף-אָרגאַניזאַציע

אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג

דער דאָזיקער דאָקומענט איז אָנגעשריבן געוואָרן אין ווארשע, אין מערץ, 1944, אין פארלויף פון געציילטע טעג, דעריבער זיינען נישט אלע פרטים איבערגעגעבן מיט גענוגנדיקער פולשטענדיקייט; די שרייבער פון דעם דאָקומענט האָבן זיך באנוגנט מיט אַן אלגעמיינער שילדערונג. ער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון ווארשע דורך אונטערערדישע פארבינדונגס־וועגן דעם 24־טן מאי, 1944, קיין לאָנדאָן און ווערט דאָ געבראכט מיט קיצורים.

— — מיטן אריינמארש פון די דייטשן אין די געביטן, וואָס אויף מזרח־זייט פונם בוג, האָט זיך אָנגעהויבן א ניי קאפיטל אין דער געשיכטע פון די יידן אונטער דייטשער אָקופּאַציע — די פולשטענדיקע פארניכטונג פון די יידישע ישובים. אָנגעהויבן האָט זיך עס פון ווילנע און ווילנער געגנט. צענדליקער טויזנטער יידן זיינען דערשאָסן געוואָרן אין די פּאנארער וועלדער. אָבער כל־זמן זיי האָבן געלעבט, האָבן זיי נישט געוואוסט, אז פּאנאר באדייט — טויט.

די יידן אין גענעראַל־גואווערנמענט זיינען שוין דאמאָלסט ארום א יאָר צייט געווען כמעט הערמעטיש איינגעשלאָסן אין די געטאָס. פארבינדערס צווישן די געטאָס זיינען געווען שמוגלער און שליחים פון די אומלעגאלע יידישע פרייהייט־אָרגאַניזאַציעס. די באקומענע ידיעות זיינען פארשפּרייט געוואָרן דורך דער אומלעגאלער יידישער פּרעסע, אָבער דאָס וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אין די צפון־פּראָווינצן איז געווען לחלוטין אומבאקאנט. סוף אָקטאָבער 1941 האָט דער החלוץ אַרויסגעשיקט א שליח מיטן צוועק אָנצובינדן באציאונגען מיט דער באוועגונג אין ביאַליסטאָקער און אין ווילנער געגנטן און אין דער ליטע. אינמיטן נאָוועמבער איז דער שליח צוריקגעקומען מיט אן אומגלויבלעכער ידיעה — אז די דייטשן מאָרדן־אויס אלע יידן און אז צענדליקער טויזנטער זיינען שוין אומגעקומען. ער איז אויך געווען א לעבעדיקער עדות דערביי ווי מען האָט אַרויסגעפירט אלע יידן פון טראָק (ווילנער געגנט) און פון דער געגנט, אריבערגעפירט זיי אויפן אינדזל אינמטין טראָקער אָזיערע, און דאָרט האָט מען זיי אלע דערשאָסן מיט מאשינען־געווער און באגראָבן אין איין אלגעמיינעם קבר. א ביסל שפּעטער איז אָנגעקומען פון ווילנע קיין ווארשע א יוגנט־דעלעגאציע:———. ——— זיי זיינען געקומען קיין ווארשע כדי צו באקומען געלט און געווער. אויף א גרויסער בעראטונג, אין וועלכער עס האָבן אָנטיילגענומען אָנגעזעענע געזעלשאפטלעכע טוער, האָבן זיי אָפּגעגעבן א באריכט פון דער לאגע: איבער 50 טויזנט יידן, וועלכע האָבן נישט געוואוסט וואָס עס דערוואַרט זיי, האָט מען אַרויסגעפירט אין די פּאנארער וועלדער. א גרעסערע גרופּע יידן האָט אין די ווילנער גאסן — שוין אויף דער אנדערער זייט פון די געטאָ־מויערן — געשטעלט אַ פּאַסיוון ווידערשטאנד: זיי האָבן דערקלערט, אז זיי ווען נישט גיין און פארלאנגט מען זאָל זיי דערשיסן אויפן אָרט. די דייטשן האָבן אָבער נישט געשאָסן. זייער אויסראָטונגס־ארבעט האָבן זיי דעמאָלט נאָך פארבאָרגן פאר דער ברייטער עפנטלעכקייט. מען האָט די גרופּע יידן צוריקגעפירט אין געטאָ אריין, דאָרטן האָט מען זיי מיט גוואלט ארויפגעזעצט אויף אויטאָס און אוועקגעפירט אין פּאנאר.

די פאָרשטייער פון „החלוץ” האָבן געהאלטן, אז די פארניכטונג פון די ווילנער יידן איז דער אָנהויב פון ליקווידירן דאָס פּוילישע יידנטום, און אז מען דארף זיך צוגרייטן צו אן אקטיווער פארטיידיקונג. עטלעכע געזעלשאפטלעכע טוער האָבן זיך געהאלטן ביי

דער מיינונג, אז די דאָרטיקע דייטשע פאַרניכטונגס־אַרבעט איז אַ נקמה־אַקט לגבי די יידן פון די געביטן, וואָס זיינען פריער געווען פאַרנומען דורך די סאָוויעטן; אז „וואַרשע ליגט אין סאַמע הארץ פון אייראָפּע", — אז אין גענעראַל־גואווערנעמענט קען אַזעלכעס נישט געשען.

דער החלוץ האָט נישט מסכים געווען מיט אַזאַ מין אָפּשאַצונג פון דער לאַגע און ער איז צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן קאַמף־אָפּטיילונגען. אַזוי־אַרום זיינען אַנטשטאַנען די ערשטע קאַמף־גרופּעס פון „החלוץ", „דרור" (פרייהייט־החלוץ־הצעיר) און „השומר הצעיר".

אין יאַנואַר, 1942, איז געלונגען פרומקע פּלאָטניצקען אַריבערצוקומען קיין וואָלין, וואו זי האָט פעסטגעשטעלט, אַז אין אַלע שטעט און שטעטלעך זיינען די יידן אויסגעראָטן געוואָרן און אַז נאָר אין קאָוועל איז נאָך פאַרבליבן אַ גרעסערער יידישער ישוב.

דעם זעלבן חודש זיינען אָנגעקומען קיין וואַרשע עטלעכע אַנטלאָפענע פון רייך, וועלכע האָבן דערציילט, אַז זיי זיינען אַנטלאָפן פון כעלמנאָ און אַז די דייטשן פירן דאָרט אַרויס די יידן אויף ספּעציעלע אויטאָס אין די אַרומיקע וועלדער אַריין. אין די דאָזיקע אויטאָס דערשטיקט מען זיי מיט גאַזן — און מען באַגראָבט זיי אין די וועלדער. עס זיינען שוין אומגעקומען אויף אַזאַ אופן טויזנטער יידן, אָבער אפילו אין די שכנות'דיקע שטעטלעך וויל קיינער נישט גלויבן, אַז דאָס וואָרט „כעלמנאָ" איז פאַר יידן געננוי דאָס זעלבע ווי דאָס וואָרט „טויט".

אַרום דעם גענעראַל־גואווערנעמענט (דער שטח, וואָס די דייטשן האָבן אים געהאַלטן אַלס פּוילן) איז שוין אַלץ געווען אין פלאַמען. אין גענעראַל־גואווערנעמענט גופא האָט געהערשט אַ שטילקייט.

אינמיטן חודש מערץ (1942) האָט דער „החלוץ" — נאָך געהעריקע צוגרייטונגען — צונויפגערופן אַ פאַרקאָנפערענץ פון די פּאָליטישע פּאַרטייען ——— פאָרשטייער פון „החלוץ". דער „החלוץ"־פאָרשטייער האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן די נייע ידיעות, וואָס זיינען אָנגעקומען סיי פון די מזרח־געביטן און סיי פון די מערב־געביטן, ער האָט אָפּגעשאַצט די לאַגע אַלס אָנהויב פון אַן אַקציע, וועלכע איז אויסן אויסצוראָטן פול־שטענדיק דאָס פּוילישע יידנטום און ער האָט פאָרגעלייגט די פאָלגנדיקע קאָנקרעטע פאָרשלאָגן:

א) שאַפן אַן אַלגעמיינע יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

ב) אָרגאַניזירן אַ געמיינזאַמע פאָרשטייערשאַפט פון אַלע יידישע פּאָליטישע פּאַר־טייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זאָל דינען אַלס רעפּרעזענטאַנץ לגבי דער ציוויל־מאַכט פון אונטערערדישן פּוילן, און אַרויסשיקן אַ דעלעגאַציע פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע צו דער פּוילישער (אונטערערדישער) מיליטער־מאַכט.

ג) אויסבילדן אויף דער אַרישער זייט אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן אַפּאַראַט מיטן צוועק צו באַקומען געווער, און אויך צו אָרגאַניזירן אַמוניציע־וואַרשטאַטן אין געטאָ.

די פאָרשלאָגן זיינען אונטערשטיצט געוואָרן דורך די פאַרטרעטער פון פּועלי ציון (צ.ס.) און לינקע פּועלי ציון. אָזשעך (מ.) האָט אין נאָמען פון „בונד" דערקלערט, אַז ס'איז נאָך צו־פרי צו ריידן מכוח אַ געמיינזאַמער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. קאַמף־אָפּטיי־לונגען דאַרפן געשאַפן ווערן דורך יעדער אָרגאַניזאַציע און פּאַרטיי באַזונדער. וועגן אַ געמיינזאַמער רעפּרעזענטאַנץ איז בכלל נישטאָ וואָס צו ריידן. דער „בונד" פירט אַ סאָציאַליסטישע פּאָליטיק און נישט קיין אַלגעמיין־יידישע.

די זיצונג האָט נישט געבראַכט צו קיין שום פּאָזיטיווע רעזולטאַטן.

אומגעפער אין דער זעלבער צייט איז צושטאַנד געקומען אַ פאַרשטענדיקונג פון אַלע פּראָלעטאַרישע און יוגנטלעכע אַנטי־פאַשיסטישע גרופּעס, אויסער דעם „בונד".

דער דאָזיקער בלאָק האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע: א) געמיינזאַם צו אָרגאַניזירן אין געטאָ־געביט דעם פּאָליטישן און פּראָפּאַגאַנדיסטישן קאַמף קעגן פאַשיזם און קעגן די רעאַקציאָנערע כוחות. ב) שאַפן אַנטי־פאַשיסטישע קאַמף־קאַדרען. ג) אָרגאַניזירן אַ הילף־אַקציע פאַר די קרבנות פונם קאַמף קעגן פאַשיזם.

— — — דער בלאָק האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ בשותּפותדיקע צייטונג „דער רוף". נאָך אַ קורצער צייט איז אַנטשטאַנען אַ פאַרצווייגטע נעץ פון קעמפּער־„פינטעלעך", צו וועלכער עס האָבן געהערט הונדערטער יוגנטלעכע און אַרבעטער. טראָץ דעם מאַנגל אין געווער האָבן די „פינטעלעך" באַקומען אַ מיליטערישע אויסבילדונג. — — —

— — — פּסח 1942 האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידירונג פון די יידן אין גענעראַל־גאָווערנעמענט. די ערשטע קרבנות זיינען געווען די לובלינער יידן, און באַלד דערנאָך — אַלע יידן פון לובלינער קרייז. מען האָט זיי אַרויסגעפירט קיין בעלזשעץ און דאָרט האָט מען זיי דערמאָרדעט אין די ניי־אויסגעבויטע גאַז־קאַמערן. די אומלעגאַלע יידישע פּרעסע האָט געבראַכט אויספירלעכע ידיעות און באַריכטן וועגן די דאָזיקע מאַסנמאָרדן. וואַרשע האָט אָבער טראָצדעם נישט געגלויבט! דער געזונטער מענטשלעכער שכל האָט נישט געקענט תּופס זיין די עצם מעגלעכקייט פון אַזאַ מין אויסראָטן צענדליקער און הונדערטער טויזנטער יידן. מען האָט גערעדט, אַז מען פירט אַרויס יידן אין פריש־אָקופּירטע רוסישע געביטן — אויף לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן! עס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן השערות, אַז די דייטשן האָבן אָנגעהויבן פּראָדוקטיוויזירן דאָס יידישע קליינבירגערטום! די יידישע פּרעסע איז פאַרשריען געוואָרן אַלס פּאַניק־פאַרשפּרייטערין, כאָטש די באַשרייבונגען פון דער „אַרויסשיקונג"־אַקציע האָבן געשטימט מיט דער ווירקלעכקייט אין אַלע איינצל־הייטן. נישט נאָר אין אויסלאַנד האָט מען זיך באַצויגן מיט אַזאַ אומצוטרוי און צווייפל צו די ידיעות וועגן די דייטשע פאַרברעכנס. אויך דאָ, אויפן אָרט, אין נישט ווייטער שכנות פון פּאָנאַר און כעלמנאָ, פון בעלזשעץ און טרעבלינקע האָבן די ידיעות זיך נישט געלאָזט גלויבן, אומבאַגרינדעטער אָפּטימיזם האָט זיך געפּאָרט מיט אומוויסנהייט. מען איז געווען אָפּגעשניטן פון דער אויסערלעכער וועלט. מען האָט זיך געשטיצט אויך אויף די ביז־דאַמאָלסטדיקע דערפאַרונגען: אין פאַרלויף פון צוויי און אַ האַלב יאָר, האָבן דאָך די דייטשן שוין אַדורכגעפירט אַ סך אַרויסשיקונגען — פון קראָקע, פון לובלין, פון וואַר־שעווער קרייז, פון רייך — ביי אַזעלכע „געלעגנהייטן" האָבן נישט געפעלט קיין קרבנות און בלוט — אָבער פולשטענדיקע אויסראָטונג?

עס זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געגלויבט: פּאָנאַר איז טאַקע אמת, כעלמנאָ איז אמת, אָבער — האָבן זיי געזאָגט: „דאָס איז נאָר אַ קאַפּריז פון די דאָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען". וואָרום אין דער אמתן האָט אין גענעראַל־גאָווערנעמענט — ביז דער טויט האָט אַלעמען אויסגעגליכן — נישט געהערשט קיין איינהייטלעכע באַציאונג מצד די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען צו די יידישע געטאָס אין די שטעט און שטעטלעך. נישט זעלטן האָט געטראָפן, אַז אויף די דורך אונדז געשיקטע ידיעות וועגן די דייטשע מער־דערייען פלעגן די ערטער ענטפערן: „ביי אונדז קען אַזוינס בשום אופן נישט פּאַסירן".

אָט אַזעלכע אָפּטימיסטישע שטימונגען האָבן, פאַרשטייט זיך, די דייטשן אַליין געשאַפן. אין פאַרלויף פון צוויי און אַ האַלב יאָר האָבן זיי מיט דייטשער גרינטלעכקייט צוגעגרייט די אויסראָטונג פון דריי־און־אַ־האַלב מיליאָן פּוילישע יידן. מיט דער הילף פון איינצל־מאָרדן, אונטערדריקונג און אויסהונגערונג, מיט דער הילף פון געטאָס און אַרויסשיקונגען — האָבן זיי צוגעגרייט די דעזאָריענטירונג פון די יידישע מאַסן. דורך יאָרנלאַנגע, כסדרדיקע עקספּערימענטן האָבן די דייטשן ראַציאָנאַליזירט זייערע מאָרדונגס־מעטאָדן; אין ווילנע האָבן זיי געדאַרפט עטלעכע טעג אויף אויסמאָרדן טויזנט יידן, אין כעלמנאָ איז זיי שוין גענוג געווען אַ האַלבע שעה אויף טויטן הונדערט, — אין טרעבלינקע האָבן זיי יעדן טאָג דערמאָרדעט 10 טויזנט מענטשן!

— און הונדערטער טויזנטער יידן זיינען געגאַנגען צום טויט אָן קיין ווידערשטאַנד —

אז מען גלויבט נישט אין טויט, צו־וואָס־זשע א ווידערשטאַנד? נאָכמער: מען האָט זיך פרייוויליק געמעלדעט צו די „איבערוואַנדערונגס־ארויספאָרן". וואוהין? פון בעסאַראבישע שטעט, פון סמאָלענסק, פון מינסק זיינען אָנגעקומען בריוו, אז די איבערוואַנדערער זיינען אהין אָנגעקומען בשלום און זיינען צופרידן. פארשטייט זיך, אז דאָס איז געווען א דייטשע מיסטיפיקאציע. אויף אזא אופן האָבן יידן זיך אָפּגעזאָגט — אמת, מיט א שווער הארץ — פון זייערע דור־דורות איינגעפונדעוועטע וואוין־ערטער און זיינען ארויסגעפאָרן „אין דער פרעמד אריין — צו לאַנדווירטשאַפטלעכע ארבעטן".

אויך יאוש, האָפנונגסלאָזיקייט און הונגער האָבן זיי געצוואונגען דערצו. אין ווארשע אליין זיינען אין פארלויף פון 1941־טן יאָר אויסגעשטאָרבן פון הונגער און אָנשטעקנדיקע קראַנקהייטן — 6 טויזנט יידן יעדן חודש. און אין דער צייט פון דער „ארויסשיקונג"־אקציע איז דער פרייז פון א קילאָגראַם ברויט ארויפגעשפּרונגען פון 7 זלאָטעס אויף 80!

די געטאָ־מויערן האָבן צעברעקלט און צעפּיצלט דעם דריי־און־א־האַלב מיליאָניקן נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם אויף טויזנטער קעמערלעך פּארזונקענע אין שרעקלעכער נויט! די געטאָ־מויערן האָבן אָפּגעצוימט די יידן פון דער ארומיקער וועלט. זיי האָבן זיי אָפּגעצוימט פון זיך זעלבסט. אין די אויסראָטונגס־טעג איז יעדער יידישער ישוב „אליין־פאַר־זיך" אנטקעגנגעשטאַנען זיין גורל פון פארניכטונג.

אין די שטעט וואו די דייטשן האָבן דורכגעפירט זייער פארניכטונגס־אקציע, האָבן זיי איינגעטיילט די יידישע באפעלקערונג אויף „פּראָדוקטיווע" און אויף „אומ־פּראָדוקטיווע" עלעמענטן — אויף אזעלכע, וואָס געהערן צו דער איבערוואַנדערונג און אזעלכע, וואָס פארבלייבן אויפן אָרט. מיט א טייוולישער פּערפידיע איז זיי אזוי ארום געלונגען אויסצומיידן יעדע מעגלעכקייט פון אן איינהייטלעכן ווידערשטאַנד: יעדער ייד איז געבליבן אליין־פאַר־זיך, און די גאַנצע דייטשע פארניכטונגס־מאַשין — קעגן אים.

איידער די דייטשן זיינען צוגעטראָטן צו דער ליקווידירונג פון ווארשעווער געטאָ, האָבן זיי אויסגעפירט צוויי גרויסע טעראָר־אקטן קעגן די ווארשעווער יידן: זיי האָבן דערמאָרדעט הונדערט־און צען יידישע ארעסטאַנטן „פאַר שטעלן א ווידערשטאַנד דער דייטשער מאַכט", און אין דער נאַכט פון 17־טן אפּריל אויפן 18־טן אפּריל, 1942, האָבן זיי ארויסגעשלעפּט פון די וואוינונגען 49 יידן פון אלע געזעלשאַפטלעכע שיכטן און גרופּירונגען — און דערמאָרדעט זיי אין די גאַסן; די טויטע קערפּערס האָבן זיי געלאָזט וואַלגערן זיך אויפן אָרט פון דערמאָרדונג. דורך דער מעטאָדע פון „קאָלעקטיווער פאַר־אנטוואָרטלעכקייט" האָבן זיי געשטרעבט צו דערשטיקן די כוחות, וועלכע וואָלטן געקענט זיי שטעלן א ווידערשטאַנד. אָבער אויב בשעת דער ערשטער ליקווידירונגס־אקציע איז דער יידישער פארטיידיקונגס־קאַמף געווען א שוואַכער, איז דאָס נישט געווען צוליב מורא, — די פארטיידיקונגס־קעמפער האָבן שוין דאַמאָלסט פארמאָגט א גענוג שטאַרקן ווילן און א הייסן גלויבנס־מוט, — די סיבה איז געווען: לײדיקע הענט.

מיטוואָך, דעם 22־טן יולי, 1942 (ערב תשעה־באב, תש"ב) האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידירונג פון ווארשעווער געטאָ. עס איז גלייך צונויפגערופן געוואָרן דער געזעל־שאַפטלעכער ראַט, כדי צו באטראַכטן די לאַגע און אָנעמען מיטלען. — — — די מיינונ־גען האָבן זיך צעטיילט. די פאָרשטייער פון די לינק־ציוניסטישע גרופּירונגען און פון „החלוץ" און אויך עטלעכע געזעלשאַפטלעכע טוער האָבן אויפגעפאָדערט צו אן אקטיוון ארויסטריט, אין א וועלכער־עס־איז פאָרם. די מערהייט האָט פארלאַנגט אָפּוואַרטן. ביז ווען? ביז די לאַגע וועט קלאָר ווערן. עס זיינען דאַמאָלסט פארשפּרייט געוואָרן קלאַנגען, אז פון ווארשע וועלן ארויסגעשיקט ווערן נישט מער ווי א 50 ביז 70 טויזנט יידן (אַלטע לייט, קראַנקע, ארעסטאַנטן, בעטלערס א.א.וו.) און דערמיט וועט זיך פארענדיקן די אקציע; אלע איבעריקע יידן וועלן פארבלייבן אויפן אָרט. דעריבער האָבן די אקטיווערע עלעמענטן — די לינקע גרופּירונגען, וועלכע זיינען געווען צוזאַמען אין אנטי־פאַשיסטישן

בלאָק — געשאַפן א פאַראייניקטן ארבעטער־קאָמיטעט, צוזאמען מיטן „בונד". דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט גענומען אויף זיך די אחריות פארן גורל פון געטאָ און פאַר זיין כבוד.

פינף טעג האָט שוין געבושעוועט די פארניכטונגס־אקציע מיט אן אומפאַרגלייבּ־לעכער גרויזאמקייט. יעדער אומפאַרזיכטיקער שריט האָט באַדייט — טויט. איבערגיין די גאַס איז געווען ווי אריבערגיין די פראָנט־ליניע צווישן צוויי פיינטלעכע מדינות. עס איז לייכט צו פאַרשטיין, ווי שווער ס'איז געווען ביי אזעלכע באַדינגונגען אויפצוהאַלטן א קאָנטאַקט און פאַרבינדונג צווישן די אקטיווע טוער און צו קאָאָרדינירן זייער טעטי־קייט. — — — — — — —

— — — אָבער אויך אָט דער אָרגאַן האָט נישט געקענט אויספילן ווי געהעריק זיינע אויפגאַבן צוליב די אָקאָרשט־דערמאָנטע סיבות. — — —

— — — דעם 28־טן יולי, 1942, איז צונויפגערופן געוואָרן א זיצונג פון החלוץ און די אים־צוגעהעריקע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס — „השומר הצעיר", „דרור" און „עקיבא", — און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן א יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע — אי.ק.א. די אויפרופן אין פויליש זיינען געווען אונטערגעשריבן מיט די איניציאַלן: — Z.O.B. זשידאָווסקא אָרגאַניזאַציאַ באָיאָווא — יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע. — — עס איז ארויסגעשיקט געוואָרן א דעלעגאַציע אויף דער ארישער זייט: — — די אויפגאַבע פון דער דעלעגאַציע איז געווען — צו שאַפן פאַרבינדונגען מיט דער פוילישער אונטער־ערדישער באַוועגונג און צו באַקומען געווער פאַרן געטאָ.

עס איז געשאַפן געוואָרן די קאַמף־אָרגאַניזאַציע — אָבער די באַוואָפענונג פון גאַנצן געטאָ איז באַשטאַנען פון איין רעוואָלווער. — — —

— — — מיט אומגעדולד האָבן מיר אָפּגעוואַרט דעם ערשטן טראַנספּאָרט געווער פון דער ארישער זייט.

לעת־עתה האָבן מיר באַשלאָסן:

1) ארויסגעבן אן אויפרוף צו דער יידישער באַפעלקערונג, אין וועלכן עס זאָל אויפגעקלערט ווערן, אז „אויסזידלונג" הייסט — טרעבלינקע, און טרעבלינקע באַדייט — טויט", און דעריבער דאַרפן יידן באַהאַלטן זייערע פרויען און קינדער און זיי אליין דאַרפן שטעלן א ווידערשטאַנד קעגן די דייטשע פאַראָרדנונגען.

2) מאַכן פאַלשע דייטשע „לעבנס־קאַרטן" און פאַנאַנדערטיילן זיי צווישן יענע טיילן באַפעלקערונג, וועלכע האָבן נישט געהאַט דאָס „גליק" אריינצובאַקומען זיך אין די ווארשטאַטן און אָנצוגעהערן צו די „פּראָדוקטיווע עלעמענטן"; מיר האָבן פאַנאַנדער־געטיילט טויזנטער אזעלכע ארבעטס־דאָקומענטן.

3) היות ווי די אָרדנונגס־דינסט"־לייט (יידישע פּאָליציי) אין געטאָ און דער „יידן־ראַט" פירן אויס, צוזאַמען מיט די אוקראַינער און לעטן, די דייטשע פאַראָרדענונגען — זאָל מען זיך אקטיוו אנטקעגנשטעלן זייער געמיינער ארבעט. אויפן קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי יוזעף שערינסקי, איז ארויסגעגעבן געוואָרן א טויט־אורטייל.

צו אונדזער שטוינונג און פאַביטערונג האָבן אונדזערע אויפרופן תחילת נישט געפונען קיין אָפּקלאַנג. מען האָט נאָך אַלץ נישט געוואָלט גלויבן! יידן זיינען ארויסגעפירט געוואָרן צום טויט און די יידישע פּאָסט אין געטאָ איז געווען טעטיק די גאַנצע צייט: עס זיינען אָנגעקומען „גרוסן" פון די ארויסגעשיקטע; די „גרוסן" זיינען מיט א בלייב־שנעלקייט צעטראָגן געוואָרן איבערן גאַנצן געטאָ. טויזנטער מענטשן, געיאָגט פון הונגער און האָפנונגסלאָזיקייט האָבן זיך טאָגטעגלעך פרייוויליק געמעלדעט צום „אָפּפאַר". אויפן אויסלאָדונגס־פּלאַץ (אומשלאַג־פּלאַץ) האָבן די דייטשן „באַרמהאַרציק" געטיילט צו דריי קילאָגראַם ברויט און איין קילאָגראַם מאַרמעלאַד פאַר יעדן פרייוויליקן.

נאָכן אויסליידיקן גאַנצע הייזער־קאָמפּלעקסן און קוואַרטאַלן, האָבן מיר אונטער־

געצונדן עטלעכע צענדליק אויסגעלייזדיקטע הייזער, כדי יידיש האָב־און־גוטס זאָל נישט אריינפאַלן אין די דייטשע הענט. צום הויך־פּונקט האָבן דערגרייכט די שׂרפות אין דער נאַכט פון 20־טן אויפן 21־טן אויגוסט, 1942. יענעם טאָג איז אויך געגעבן געוואָרן דער ערשטער שאָס מצד דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע: **ישראל קאַנאַל** האָט מיט צוויי קוילן שווער פאַרוואונדעט יוזעף שערינסקין. דער אַטענטאַט אויפן אָפּיצער פון דער יידישער פּאָליציי שמערלינג איז נישט געלונגען.

אויפצומאָרגנס האָבן מיר באַקומען פון אונדזערע חברים אינם ארישן קוואַרטאַל 5 רעוואָלווערן און 8 גראַנאַטן. ביי אונדזערע באַדינגונגען איז דאָס געווען אַן אמתדיק רייכטום! אינצווישן איז די אַקציע אין וואַרשע איבערגעריסן געוואָרן, די דייטשע „אום־זידלונגס־קאָמאַנדאָ" אָדער „פאַרניכטונגס־קאָמאַנדאָ", ווי די דייטשן גופא האָבן גערופן די מערדער, איז אַרויסגעפאָרן ערגעץ־וואו אין ערטער פון וואַרשעווער קרייז, כדי דאָרט דורכצופירן די אַקציעס, און בלויז געציילטע דייטשן פלעגן זיך באַווייזן אין די געטאָ־גאַסן. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז וויבאַלד די אַקציע וועט זיך באַנייען זאָלן מיר אַטאַקירן די דייטשן און אוקראַינער ביי זייער אַריינמאַרשירן אין געטאָ דורך שמאָטשע גאַס: אויפן שטח צווישן די גאַסן נאָוואָליפּיע און דזשעלנע.

אָבער ווי עפּעס אַ קללה וואָלט באַגלייט אונדזערע אונטערנעמונגען. עס איז אומ־געקומען אַ גרופּע חברים, וואָס מיר האָבן זי פריער אַרויסגעשיקט אין די הרוביעשאָווער וועלדער כדי דאָרט צו שאַפן אַ פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג — מענטשן האָבן מיר געהאַט געוווּג, עס האָבן אונז אָבער געפעלט וואָפן. דאָס זעלבע איז געשען מיט דער גרופּע, וועלכע מיר האָבן אַרויסגעשיקט אין די מעזריטשער וועלדער. דעם דריטן סעפּטעמבער האָט די געסטאַפּאָ אַרעסטירט **יוסף קאַפּלאַן**. שפּעטער מיט עטלעכע שעה, אין דעם זעלבן טאָג, האָבן די דייטשן דערמאָרדעט אינמיטן גאַס **שמואל ברעסלער** (בּראַסלאַוו). און אין אָוונט פון יענעם טאָג איז אַריינגעפאַלן צו זיי אין די הענט אַריין אונדזער אָרימער געווער־און אַמוניציע־מאַגאַזין. אויף אַזאַ אופן זיינען פּאַראַליזירט געוואָרן אונדזערע ערשטע טריט וואָס זייער ציל איז געווען — שיצן דעם כבוד און די ווירדע פון וואַרשעווער יידנטום.

דעם 5־טן סעפּטעמבער האָבן די דייטשן באַנייט זייער אַקציע אויף אַזאַ אופן און אין אַזעלכע פאָרמען, אַז לגבי איר איז פאַרבלאַסט געוואָרן אַלץ, וואָס ס'איז פאָרגעקומען פריער. דעם 12־טן סעפּטעמבער (צווייטער טאָג ראש השנה תש"ג), ד.ה. אינם טאָג, ווען זיי האָבן אָפיציעל געמאָלדן די פאַרענדיקונג פון דער אַקציע, זיינען פונם גאַנצן ישוב אין וואַרשעווער געטאָ סך־הכל פאַרבליבן נישט קיין סך מער פון 50 טויזנט יידן, וועלכע זיינען צעטיילט געוואָרן אין 4 קליינע געטאָס: — — —

— — — דאָס לעבן איז געוואָרן צו שאַנד! אַ סך חברים האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף אונטערצינדן דעם געטאָ, וואַרפן זיך אויף די דייטשן מיט הוילע הענט און — אומקומען. אַנדערע האָבן געראַטן אויסצונוצן די הפסקה צווישן דער ערשטער ליקווי־דאַציע און דער באַלד־אָנקומענדיקער, און דערווייל אַנטוויקלען און שטאַרקן די קאַמף־אָרגאַניזאַציע און באַקומען פאַר איר די נויטיקע געווער און אַמוניציע. אַזוי איז טאַקע באַשלאָסן געוואָרן. די צענטראַלע פון „החלוץ" האָט אָנגענומען פאָלגנדיקע באַשלוסן:

1) אַרויסשיקן דעלעגאַטן אין אַלע גרעסערע שטעט, כדי צו אָרגאַניזירן דעם פאַרטיידיקונגס־קאַמף פון די איבעריקע געטאָס.

2) פאַרשטאַרקן די צוזאַמענאַרבעט מיט אַלע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען.

פּועלי־ציון (צ.ס.) און לינקע פּועלי ציון זיינען תיכּף צוגעטראָטן צו דער געמיינזאַ־מער אַרבעט. די אונטערהאַנדלונגען מיטן „בונד" האָבן זיך פאַרצויגן. דער „בונד" האָט מסכּים געווען אַריינטרעטן אין אי.ק.אַ. און אַנטיילנעמען אין פאַרטיידיקונגס־קאַמף נאָר

אויפן שטח פון ווארשע — אין פוילן האָבן נאָך דאמאָלסט געלעבט ביי 2 מיליאָן יידן — אויף געמיינזאמער פארטרעטערשאפט האָט דער „בונד" נישט מסכים געווען. כדי צו דערמעגלעכן און רעגולירן ווי געהעריק די צוזאמענארבעט, האָבן די אָרגאניזאציעס און פארטייען „החלוץ", „דרור" („פרייהייטס־החלוץ הצעיר"), „השומר הצעיר", „גרודוניה", פועלי־ציון (צ.ס.), „התאחדות", לינקע פועלי ציון און די אלגעמיינע ציוניסטן באשלאָסן צו פאראייניקן זיך אין א יידישן נאציאָנאלן קאָמיטעט (Zydowski Komitet Narodowy) די קאָאָרדינירונג מיטן „בונד איז דערמעגלעכט געוואָרן דורך דער שאפונג פון א יידישן קאָאָרדינאציע קאָמיטעט, (Zydowski Komitet Koordynacyjny) וואָס אין אים זיינען אריין אויסער די פריער דערמאָנטע גרופירונגען אויך פאָרשטייער פון „בונד". די יידישע קאמף־אָרגאניזאציע איז אנערקענט געוואָרן אלס אן אָרגאניזאציע פון דעם קאָ־אָרדינאציע־קאָמיטעט. — — — אין קאָמאנדיר־שטאב פון דער קאמף־אָרגאניזאציע זיינען אריין: אַניעלעוויטש מרדכי - קאָמענדאנט, אָרגאניזאציע־אָפטייל; צוקערמאַן יצחק - וויצע־קאָמענדאנט, באוואפנונג; מאַרעק עדעלשטיין (עדעלמאן) - אויסשפיר־דינסט; מאָרגנשטערן יוחנן - פינאנצן; בערלינסקי הערש - פלאנירונג, און ראָזענפעלד מיכאל.

— — — נאָך איידער ס'איז געשאפן געוואָרן די קאָאָרדינאציע־קאָמיסיע, האָבן מיר באשלאָסן אויסצורייניקן די אטמאָספער אין געטאָ דורך דער ליקווידירונג פון די סאמע דעמאָראליזירטסטע, צו די דייטשן־פארקויפטע פארברעכער און אזוי ארום אָנ־ווארפן א פחד אויפן „יידנראט" און אויף זיינע אינסטיטוציעס.

דער טויט פונם קאָמענדאנט פון דער אָרדנונגס־פּאָליציי מענדל (יעקב) לייקין, וועלכער איז דערשאָסן געוואָרן דורך אליהו רוזשאנסקי־עלעק איז געוואָרן א וואָרענונג פאר זיינע קאָלעגן אין דער פּאָליציי, און דער טויט־אורטייל אויף ישראל פירסט, וועלכן ס'האָט אויסגעפירט דוד שולמאַן, האָט געדינט אלס וואָרנונג פאר דעם דעגענערירטן „יידנראט".

אין פארלויף פון דריי חדשימדיקער פארהעלטנישמעסיקער רו אין געטאָ, איז אונדז טיילווייז געלונגען צו באוואפענען די קאמף־גרופּעס פון „פרייהייט־החלוץ הצעיר" און „השומר הצעיר". די אנדערע גרופּעס זיינען נאָך דאמאָלסט געווען אין זייער אָרגאניזירונגס־און שולונגס־צייט. — — —

— — — דעם 18־טן יאנואר, 1943, האָבן שטארקע אָפּטיילונגען זשאנדארמעריע, ס.ס., און מיליטער ארומגערינגלט דעם ווארשעווער געטאָ. במשך צוויי טעג פאר דעם, האָבן די דייטשן אדורכגעפירט מאסן־ארעסטן און ברייטע זוכונגס־אָנפאלן אינם ארישן קווארטאל. די יידן אין געטאָ האָבן גראָד דעמאָלט צומווינציקסטן דערוואַרט אן אקציע. פארטאָג האָבן די דייטשן ארומגעשטעלט פּאָסטנס אין אלע גאסן און איינגאנגען, וועלכע פירן צום געטאָ. די ארבעטער, וועלכע האָבן געאיילט צו דער ארבעט אין די פאבריקן, האָט מען — נישט קאָנטראָלירנדיק זייער „פּראָדוקטיוויקייט" — אָפּגעפירט צום „אומ־שלאַג־פּלאַץ". א טייל פון די איבעריקע איז געלונגען זיך צו באהאלטן. קיין פרייוויליקע צום „אָפּפאָר" זיינען שוין נישט געווען. אין פארלויף פון 4 חדשים זיינען צוגעגרייט געוואָרן שוצערטער אויף בוידעמער און אין קעלערס, עם זיינען צו דעם צוועק אויך פארמויערט געוואָרן וואוינצימערן, עס זיינען געבויט געוואָרן טאָפּלטע סופיטן א.א.וו. מחוץ פון די שוצערטער האָבן זיך געפונען נאָך עטלעכע־אין־איילעניש צוגעגרייטע קאמף־גרופּעס. אין צענטראלן געטאָ האָט א טייל פון די קאמף־אָפּטיילונגען, אונטער דער אָנפירונג פון זייער קאָמענדאנט מרדכי אַניעלעוויטש, מיט א כיוון זיך געלאָזט באפן צווישן עטלעכע הונדערט אנדערע יידן. ווען מען האָט זיי דערפירט ביזן ווינקל פון די גאסן זאמענהאָף און ניזקע, האָבן די קאמף־אָפּטיילונגען — לויט א געגעבענעם צייכן — געעפנט א שיסעריי אויף די דייטשן. די צום־טויט געפירטע יידן זיינען זיך פאנאנדערגעלאָפן און אויך די דייטשן האָבן זיך געלאָזט לויפן, באהערשט דורך א פאניק.

אָבער זייער שנעל, באַלד נאָכן גובר זיין די ערשטע שרעק, זיינען די דייטשן צוריקגעקומען מיט פאַרשטאַרקונגען. עס זיינען געווען קרבנות פון ביידע צדדים. די רייען פון די קעמפער האָבן אָנגעהויבן שיטערער ווערן. דער יונגער עלעק (אליהו) רוזשאַנסקי האָט, שוין זייענדיק שווער פאַרוואונדעט אינעם העלדישן קאַמף, ביזן לעצטן מאָמענט נישט אַרויסגעלאָזט דעם רעוואָלווער פון האַנט. ווען ביי מרדכי אַניעלעוויטש זיינען אויס־געגאַנגען די קוילן, האָט ער זיך מיט הוילע הענט געוואָרפן אויף אַ זשאַנדאַרם, אַרויס־געריסן ביי אים די ביקס און אָנגעהויבן דעם קאַמף פונדאַסניי. נאָך אַ שעה צייט פון העלדישן געראַנגל איז אומגעקומען די גאַנצע גרופּע מיטן אויסנאַם פון קאָמענדאַנט, וועלכער איז על־פּי־נס געראַטעוועט געוואָרן.

אַנדערע גרופּעס, אונטער דער אָנפירונג פון יצחק צוקערמאַן, אליעזר געלער און אריה ווילנער, האָבן געפירט פּאַרטיזאַנישע שלאַכטן אין די הייזער. אויף זאַמענהאָף־גאַס 56, מוראַנאָווסקע 44, מילע 34, 41 און 63, ווי אויך אויף סטאַווסקי־גאַס האָבן קאַמף־גרופּעס געלויערט אויף די אָנקומענדיקע דייטשן. באַזונדערס האָבן זיך אויסגע־צייכנט מיט זייער מוט און קאַלטבלוטיקייט: זכריהו אַרטשטיין, בנימין וואַלד און חנוך גוטמאַן (אַלע דריי — גרופּע־קאָמענדאַנטן פון „דרור".) פון אונדזער זייט איז דאָרט געפאַלן נאָר איין קעמפער. דער רעזולטאַט פון די קאַמפן האָט איבערגעשטיגן אונדזערע דרייסטעסטע דערוואַרטונגען. די דייטשן האָט אַרומגעכאַפּט אַ פּאַנישער פּחד אַריינצוגיין אין די הייזער. אויפן דריטן טאָג האָבן זיי איבערגעריסן די אַקציע. אינם וואַרשטאַטן־געביט האָט — אינדערשפּיץ פון אַ קליינער גרופּקע קעמפער — העלדיש געקעמפט ישראל קאַנאַל. אין רעזולטאַט פון די קאַמפן האָבן מיר דעראָבערט איבער אַ צענדליק ביקסן און רעוואָלווערן, מיר האָבן דער׳הרגעט אָדער פאַרוואונדעט 50 דייטשן.

אין אָנהויב פעברואַר איז פאָרגעקומען אַ ווייטערדיקע, טיילווייזע ליקווידירונג פונם טשענסטאָכאָווער געטאָ. וואַרשעווער אי.ק.א. האָט אַהין געהאַט אַרויסגעשיקט עטלעכע רעוואָלווערן, און מיט דעם געווער האָט אַ קליינע גרופּקע אונדזערע זעלנער געשטעלט אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד. דאָס איז געווען אַ טראַגיש, אומבאַשרייבלעך בילד. די אַלטע, פאַרזשאַווערטע רעוואָלווערן האָבן זיך כסדר פאַרהאַקט און נישט געוואָלט פונקציאָנירן, די קעמפער האָבן זיך דאַן געוואָרפן מיט הוילע הענט אויף די דייטשן און זיינען אַלע אומגעקומען פון זייערע קוילן. אפילו ביי די מערדער האָט אָט־דער שטומער העראָאיזם אַרויסגערופן שטוינונג און באַוואונדערונג.

דער פּאַסיווער ווידערשטאַנד פון דער ציווילער באַפעלקערונג און דער קאַמף פון די אי.ק.א.־אָפּטיילונגען האָבן געצוואונגען די דייטשן אָפּצושטעלן די ליקווידיר־אַקציע אין וואַרשע. די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די שוצערטער, די געכאַפּטע צום אַרויסשיקן האָבן אויפגעבראָכן די וואַגאָנען־ווענט און זיינען אַרויסגע־שפּרונגען אינמיטן גאַנג פון די צוגן. אפילו פון טרעבלינקע גופא איז געלונגען אַ קליינער גרופּע יידן צו אַנטלויפן.

דער עכאָ פון די שיסערייען און פון די געשליידערטע האַנט־גראַנאַטן האָט אַלעמען עלעקטריזירט. די קעמפער זיינען אומעטום באַגריסט געוואָרן ווי רעטער. די יידישע באַפעלקערונג האָט זיי געשטיצט ווי־ווייט זי האָט נאָר געקענט: בעקערס האָבן צוגע־שטעלט ברויט אומזיסט, רימערס האָבן געמאַכט אָן געלט לעדער־שיידן צו די רעוואָל־ווערן. די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן און געשטאַרקט אירע קרעפטן פון טאָג צו טאָג.

היות ווי די פאָנדן, וועלכע זיינען באַזאָרגט געוואָרן דורכן בירגער־קאָמיטעט, האָבן נישט געקלעקט צו דעקן דעם בודזשעט, וואָס האָט געגרייכט אין מיליאָנען זלאָטעס, — האָט די קאַמף־אָרגאַניזאַציע אַרויפגעלייגט גרעסערע שטייערן אויף די פאַרמעגלעכע שיכטן. די אַנטשלאָסענע מאָסמיטלען, וועלכע זיינען דורכגעפירט געוואָרן לגבי די ווידער־שפּעניקע, האָבן דערפירט צו אַ רעגולערער צאָלונג פון די אַרויפגעלייגטע שטייערן. די

ווידערשפעניקע נישט־צאָלער האָט מען ארעסטירט. אויף די יידישע ליטער פון די וואַר־שטאַטן, אויף די מיטגלידער פון דער אָרדנונגס־פּאָליציי און אויף אלע יענע, וועלכע האָבן געפירט געשעפטן מיט די דייטשע אונטערנעמער, זיינען ארויפגעלייגט געוואָרן גרויסע געלט־שטראָפן. אויף דעם „יידנראַט" מיט זיינע אינסטיטוציעס איז ארויפגעלייגט געוואָרן א קאָנטריבוציע, וועלכע האָט דערגרייכט די אלגעמיינע סומע פון אומגעפער א מיליאָן זלאָטעס. אין משך פון דריי טעג איז די קאָנטריבוציע איינגעצאָלט געוואָרן. דער איינציקער וואָס פארדינט א בכבוד'יקע אויסטיילונג פון דער דאָזיקער גאנצער גאנגרע־ניזירטער קליקע, איז געווען אברהם געפּנער, וועלכער האָט ביזן סוף איינגעהיט זיין אומאָפּהענגיקייט און ערלעכקייט. ער האָט פינאנציעל אונטערשטיצט די קאמף־אָרגאַ־ניזאציע, זאמלענדיק לטובת איר גרויסע געלט־סומען. — — —

— — — די יידישע קאמף־אָרגאַניזאציע האָט געהאט אין איר רשות 22 קאמף־גרופּעס. 11 פון זיי זיינען געווען פון די יוגנט־אָרגאַניזאציעס וואָס געהערן צום החלוץ: „דרור" (פריהייט־החלוץ־הצעיר) — 5; „השומר הצעיר" — 4; „עקיבא" — 1; „גורדוניה" — 1; 4 פון „בונד" מיטגלידער; 1 פון פועלי ציון (צ.ס.); 1 פון לינקע פועלי ציון; 1 פון „הנוער הציוני" און 4 פון די לינקע פאראיינען. דער יידישער נאַציאָ־נאַלער קאָמיטעט האָט צוזאמען געהאט 18 גרופּעס. — — —

— — — פון די דערמאָנטע קאמף־גרופּעס זיינען 9 איינקווארטירט געוואָרן אין צענטראַלן געטאָ, 8 אינם געביט פון די טעבענס־און שולץ־ווארשטאטן, 5 אינם בערשטער געטאָ.

די הויפּט־באוואפנונג איז אָנגעקומען אין איין גרעסערן געווער־טראַנספּאָרט, וועל־כער איז צוגעשיקט געוואָרן דורך די פּוילישע מיליטערישע מאכט־אָרגאַנען. דאָס געווער איז באשטאנען פון רעוואָלווערן, גראַנאַטן און אויפרייס־מאַטעריאַלן. פאר דעם דורך־אונדז באקומענעם געלט האָבן מיר איינגעקויפט נאָך עטלעכע הונדערט רעוואָלווערן און אויך אַמוניציע — צאָלנדיק פאר „ווים"עס און „פּארבעלומס" פון 10 ביז 15 טויזנט זלאָטעס א שטיק!

אין פארלויף פון א סך וואָכן האָבן מיר זיך אונטערגעגראָבן אונטער דער ערד ביז מיר האָבן דערגרייכט די געטאָ־מויערן, וואָס ביי זיי זיינען געשטאנען דייטשע וואך־פּאָסטנס, און מיר האָבן דאָרט פארלייגט אויפרייס־מינעס.

מיר האָבן געגלויבט, אז די יידישע קאמף־אָרגאַניזאציע וועט קענען שטעלן א ווירקונגספולן ווידערשטאנד קעגן די דייטשן, אויב זי וועט האָבן די פולסטע און אַנט־שלאָסענע אונטערשטיצונג מצד דער גאנצער יידישער געזעלשאפט. האָבן מיר דעריבער אָנגעהויבן א שאַרפן און אומברחמנות'דיקן קאמף קעגן יענע עלעמענטן, וועלכע זיינען באגאנגען פארעטערישע מעשים דורך מיטארבעט מיט די דייטשן, אָדער וועלכע האָבן דורך זייער אומוויורדיקער האַלטונג דעמאָראַליזירט דעם געטאָ. עס זיינען אויף זיי באַ־שטימט געוואָרן טויט־אורטיילן און ווער פון זיי עס איז נישט אנטלאָפן אויף דער ארישער זייט, האָט אים דערגרייכט די האַנט פון דער יידישער קאמף־אָרגאַניזאציע. צווישן די דער'הרג'עטע, לויט אונדזערן א טויט־אורטייל, איז אויך געווען ד"ר אלפרעד נאָסיג.

די אטמאָספער איז אויסגערייניקט געוואָרן! די רעשטן פון ווארשעווער יידנטום, אויסגעלייטערט דורך די אכזריות'דיקע נסיונות פון פייער און בלוט — האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט. אין פארלויף פון דער יאַנואַר־אַקציע האָט דער ווארשעווער געטאָ גע־

בראכט צום אויסדרוק די ענדערונגען, וועלכע זיינען פֿאָרגעקומען אין די געדאנקען און אין דער האַלטונג פון די לעבנגעבליבענע יידן. די דייטשן האָבן געמוזט זיך רעכענען דערמיט. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אז סיי די העראָאישע האַלטונג פון דער יידישער באפעלקערונג און סיי די פאַרביסענע פאַרטיידיקונג פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָבן נישט געקענט משפּיע זיין אויפן גורל פון געטאָ, וועלכער איז שוין געווען א געחתמעטער.

די דייטשן האָבן אָבער דאָך נישט געוואָלט ליידן פאַרלוסטן און ברענגען קרבנות, און זיי האָבן דעריבער באַשלאָסן צו מאכן א סוף צום געטאָ אויף א „פרידלעכן" אופן. זיי האָבן דערביי געהאט אינזינען צוויי צילן: 1) באַקומען ארבעטס־פּייאיקע עלעמענטן פאַר די באַדערפעניש פון דער מיליטער־פּראָדוקציע — — כל זמן זיי וועלן זיך נויטיקן אין זיי. 2) כדי אָפּצואַשוואַכן דעם געטאָ און מאָראַליש אים צעברעכן דורך ארויסרופן שנאה און קנאה צווישן די, וואָס „דאַרפן בלייבן לעבן" און יענע, וואָס זייער פאַרניכטונג איז שוין געווען נאָר א פראַגע פון א פּאָר טעג. האָבן זיי אָפּגעטיילט די „ארבעטספּייאיקע" יידן פון די „נישט־פּראָדוקטיווע" — וועלכע זיינען צום גרעסטן טייל אויך געווען ארבעטס־פּייאיק, נאָר די דייטשן האָבן זיי נישט געוואָלט באַשעפטיקן אין זייערע אונטערנעמונגען.

אין אָנהויב פעברואַר 1943, האָבן די דייטשע פאַבריק־אייגנטימער אָנגעהויבן א ברייט־פאַרמאָסטענע אקציע, פּראָפּאַגאַנדירנדיק צווישן זייערע יידישע „וואַרשטאַטן"־ארבעטער פרייוויליקע מעלדונג צום ארויספאָר. „וואַרשע וועט אָפּגערייניקט ווערן פון יידן!" — האָבן זיי גע'טענהעט אויף ספּעציעל אָרגאַניזירטע פאַרזאַמלונגען — און נאָר יענע, וועלכע וועלן ארויספאָרן קיין פּאָניאַטאָווא און טראַווניקי, וואו עס וועלן אויך איבערגעפירט ווערן די וואַרשטאַטן, נאָר יענע וועלן האָבן זיכער ברויט און אויך די זיכערקייט, אז זיי וועלן „דורכהאַלטן די מלחמה". — — —

— — — די ערשטע אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן געזאָלט ליקווידירט ווערן, זיינען געווען: האַלמאַנס טישלער־פאַבריק און די בערשטעריי־וואַרשטאַטן. די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט תיכּף אָנגעהויבן א קאָנטער־אקציע סיי אין וואָרט און סיי אין טאַט.

אין דער נאַכט ערב דער אָנגעזאָגטער אריבערפירונג פון האַלמאַנס פאַבריק, האָט אַן אָפּטיילונג פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע זיך אהין אריינבאַקומען דורך די פאַבריק־מויערן און גרינטלעך פאַרברענט די פאַבריק־געביידעס, דעם גאַנצן רוישטאָף און אויך די שוין איינגעפּאַקטע, צום אָפּשיקן גרייטע מאַשינען. די דייטשן וועלכע האָבן זיך געפונען אין די פאַבריק־שטחים, זיינען אין צעטומלעניש אַנטלאָפן. די אי.ק.א.־אָפּטיילונג האָט פאַרלאָזן דעם פּלאַץ אָן פאַרלוסטן. פון די טויזנט ארבעטער האָבן אויפצומאָרגנס זיך צוגעשטעלט צום ארויספאָר נאָר 25. דאַקעגן — פון די 3,500 ארבעטער אין די בערשטער־וואַרשטאַטן האָט זיך קיינער נישט געמאָלדן צום אָפּפאָר! א גרופּע פון 60 יידן, ארעסטירטע אינם געביט פון די שולץ־וואַרשטאַטן, האָט די אי.ק.אָ. באַפרייט פאַר דער דייטשער וואַך אין די אויגן. דער אויטאָריטעט פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז געשטיגן נישט נאָר אין די אויגן פון דער יידישער באַפעלקערונג. אויך די דייטשן האָבן געמוזט זייער ערנסט רעכנען זיך מיט איר.

דעם 14־טן מערץ האָט די קאַמף־אָרגאַניזאַציע פאַנאַנדערגעקלעפּט אויפרופן, אין וועלכע זי האָט אויפגעפּאָדערט זיך אַנטקעגנצושטעלן די דייטשע פאַראָרדנונגען, אונטערשטרייכנדיק, אז די „פרייוויליקע" איבערוואַנדערונג איז נישט עפּעס אנדערש ווי אַן

אומפאַרמיידלעכע פאַרניכטונג פון געטאָ. דעם 20־טן מערץ האָט טעבענס אויפגעהאָנגען לעבן אונדזערע אויפרופן זיינע אייגענע פּלאַקאַטן — דער גרעסטער טייל פון זיי איז קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע באַלד ווי זי האָט זיך דערוואוסט, אַז זיי זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן — — —

— — — די דייטשע אייגנטימער פון די פּראָדוציר־אונטערנעמונגען זיינען אין זייער צביעות נישט אָפּגעשטאַנען פון זייערע מיטשותפים די ס.ס.־לייט. ה' טעבענס האָט זיך אפילו דערלויבט — דורך זיינע יידישע משרתים — איינצולאַדן פאָרשטייער פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף א . . . זאַכלעכער קאָנפערענץ! אָבער קיין פרוכטן האָט די גאַנצע דייטשע פּראָפּאַגאַנדע זיי נישט געבראַכט. קיינער האָט איר נישט געגלויבט. און אויב עטלעכע הונדערט יידן האָבן זיך פונדעסטוועגן יאָ געמעלדעט צום ארויספאָר — האָט זיי געצוואונגען דערצו דער הונגער און קודם כל דער האָפענונגסלאָזער מאָרגן. סוף־כל־סוף האָבן די דייטשן דערזען, אַז זיי מוזן אָנווענדן גוואַלט־מיטלען, וואָס עס איז זיי אָבער דאָך געווען זייער נישט באַקוועם. פון איין זייט וואָלט דאָס באַלד דעמאַסקירט זייערע אמת'דיקע כוונות און פון דער צווייטער זייט וואָלטן דאַן די רעזולטאַטן געווען נישט קיין גרויסע. די יידן האָבן אָנגעהויבן זיך אויסבאַהאַלטן. ווייזט אויס, אַז די ענד־גילטיקע ליקווידירונג פונם געטאָ איז נאָך נישט געווען באַשלאָסן דורך די דייטשן, וועלכע האָבן דאָס דאַמאָלסט נאָך געהאַלטן פאַר פריצייטיק. זיי האָבן זיך דעריבער געווענדעט צום „יידנראַט", ער זאָל אדורכפירן די דאָזיקע אַקציע. דער „יידנראַט" האָט דורך ד"ר שיפּערס פאַרמיטלונג איינגעלאַדן די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף א באַראַטונג. די איינלאַדונג איז, פאַרשטייט זיך, אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט פאַראַכטונג. נאָכדעם האָט דער פּרעזעס פון „יידנראַט", דער באַקאַנטער אינזשיניער מאַרעק ליכטענבוים געגעבן די דייטשן פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע תשובה: „איך האָב קיין מאַכט נישט אין געטאָ, דאָ הערשט אן אנדער רעגירונג". די דייטשע פּלענער האָבן זיך פאַרענדיקט מיט א פולשטענדיקן דורכפאַל. דאָס מאָל איז זיי שוין נישט געלונגען צו צעברעקלען די כוחות פון די איבערגעבליבענע יידן. אויב די דייטשן האָבן ארויסגעגעבן א טויט-אורטייל אויפן גאַנצן יידישן קיבוץ — וועלן מיר פאַלן אין קאַמף! דאָס איז געווען דער באַשלוס פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

אין דער נאַכט פון 18־טן אַפּריל האָט זיך אָנגעהויבן דער לעצטער אַקט אין דער טראַגעדיע פון װאַרשעווער געטאָ — דאָס האָט געזאָלט זיין א געבורטסטאָג־מתנה דעם „פּירער" — די אי.ק.א. איז ארויס אין קאַמף צו דער לעצטער שלאַכט. — — —

יידישע קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע פּאָדערט גע ווער

דער דאָזיקער בריוו איז געשיקט געוואָרן דורך מרדכי אנילעוויטש, קאָמענדאַנט פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, צו די פאָרשטייער פון קאָאָרדינירקאָמיטעט אויף דער אַרישער זייט. דער בריוו איז געחתמעט מיטן נאָמען „מלאכי" — דאָס וואָרט „אַניאָל" באַדייט אין פּויליש — א מלאך.

דעם 18־טן מערץ, 1943.

ליבע הערן,

די לאַגע ווערט ערנסטער פון שעה צו שעה. 1,500 מענטשן פון די שולץ־וואַרשטאַטן דאַרפן נאָך היינט אַרויס. מיר דערוואַרטן אַקציעס אין געטאָ און אין וואַרשטאַטן־געביט. דער קאַפּיטל פון די בערשטער־אַרבעטער, וועלכער האָט זיך פאַרענדיקט מיט אונדזער פולשטענדיקן נצחון, האָט איינמאָל פאַר אַלעמאָל איבערצייגט דעם שונא, אַז ער מוז אָנווענדן די מעטאָדן פון באַלאַגערונג און טעראָר. אין די נאָענטסטע טעג קען זיך דערנענטערן דער סוף פון דעם וואַרשעווער יידנטום.

זיינען מיר גרייט? פון מאַטעריעלן שטאַנדפּונקט זייער. פון די 49 כלים, וואָס מיר האָבן דערהאַלטן, זיינען בלויז 36 געברויכבאַר און דאָס צוליב מאַנגל אין אַמוניציע. אונדזער באַוואַפנונגס־לאַגע האָט זיך פאַרערגערט נאָך די פילע קאַמפּס־אָפּעראַציעס, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין די לעצטע וואָכן און ביי וועלכע מיר האָבן פאַרנוצט א סך אַמוניציע. איצט האָבן מיר נישט מער ווי 10 קוילן פאַר יעדער כלי. דאָס איז ממש א קאַטאַסטראָפאַלער צושטאַנד.

איך בעט אייך אין אונדזער נאָמען איבערצוגעבן די מאַכט־אָרגאַנען, אַז אויב מיר וועלן נישט גלייך דערהאַלטן באַדייטנדיקע הילף, וועלן מיר זען אין דעם א באַציאונג פון גלייכגילטיקייט מצד דער רעגירונגס־פאָרשטייערשאַפט און די מאַכט־אָרגאַנען צו דעם גורל פון וואַרשעווער יידנטום.

דאָס צושיקן וואָפן אָן אַמוניציע שאַפט דעם איינדרוק פון צינישער באַציאונג צו אונדזער גורל און באַשטעטיקט די השערה אַז די גיפט פון אַנטיסעמיטיזם הערשט ווייטער אין די קרייזן פון די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען, טראָץ דער אכזריות'דיקער און טראַגישער דערפאַרונג פון די לעצטע דריי יאָר.

מיר וועלן זיך נישט באַמיען צו איבערצייגן אימיצן וועגן אונדזער פעיאיקייט און גרייטקייט צו קעמפן. אָנהויבנדיק פון 18־טן יאַנואַר געפינט זיך דאָס וואַרשעווער יידנטום אין א שטענדיקן מלחמה־צושטאַנד קעגן דעם אָקופּאַנט און זיינע משרתים. ווער עס לייקנט דאָס, אָדער צווייפלט אין דעם, איז נישט מער ווי א בייזוויליקער אַנטיסעמיט.

מיר האָבן דערוואַרט, אַז די מאַכט־אָרגאַנען און די פאָרשטייער פון דער רעגירונג זאָלן נישט נאָר אַרויסווייזן „פאַרשטענדעניש" פאַר אונדזערע ענינים, נאָר זאָלן זען

אין דעם מאָרד פון מיליאָנען יידן, פוילישע בירגער, א גרונט-פראָבלעם פון אקטועלן לעבן.

מיר באדויערן, וואָס מיר האָבן נישט די מעגלעכקייט צו קומען אין דירעקטן קאָנטאקט מיט די אליאירטע רעגירונגען, מיט דער פוילישער רעגירונג און די יידישע אָרגאניזאציעס אין אויסלאנד, כדי איבערצוגעבן זיי אינפאָרמאציע וועגן אונדזער לאגע און וועגן דער באציאונג צו אונדז פון די פוילישע מאכט-אָרגאנען און פון דער באפעל-קערונג.

ליבע הערן! איך בעט אייך גלייך צו אינטערווענירן ביי די מיליטערישע מאכט-אָרגאנען און ביי די פאָרשטייער פון דער רעגירונג. איך בעט אייך פאָרצולייענען פאר זיי דעם דאָזיקן בריוו און ענערגיש פאָדערן פון זיי צו באזאָרגן אונדז מיט ווייניקסטנס 100 גראנאטן, 50 רעוואָלווערן, 10 ביקסן און עטלעכע טויזנט קוילן פון פארשיידענעם קאליבער.

איך בין גרייט אין פארלויף פון צוויי טעג צוצושטעלן די פּלענער פון אונדזערע פּאָזיציעס און די מאפּעס, כדי אוועקצונעמען יעדן ספק וועגן דער נויטווענדיקייט צו באזאָרגן אונדז מיט וואפן.

מלאכי, קאָמאנדיר
אידישע קאַמף אָרגאַניזאַציע

פּ.ס. אין איצטיקן מאָמענט איז די לאגע זייער געשפּאנט. אונדזערע א קאמף-גרופּע האָט אטאקירט היינט אינדערפרי צוויי דייטשן פון דער ווערקשוץ, וואָס האָבן אין די לעצטע טעג גערויבט די יידישע באפעלקערונג, געשאָסן און אָנגעוואָרפן אויף איר א פּחד. איינער פון זיי איז אנטלאָפן און גע'הרג'עט געוואָרן און דער צווייטער איז, אנטלויפנדיק דערשאָסן געוואָרן. מענטשן פון דער ס.א. און אגענטן האָבן זיך ארייגעמישט. איינער פון די ס.א. איז שווער פארוואונדעט געוואָרן. מיר האָבן נישט געליטן קיין פארלוסטן. די גאסן זיינען פוסט געוואָרן. אין שפּאנונג וואַרטן מיר אָפּ, וואָס עס וועט ווייטער געשען.

די קולטור טעטיקייט אין ווארשעווער געטאָ

דער באריכט איז ארויסגעשיקט געוואָרן דורכן אונטערערד פון ווארשע קיין לאָנדאָן פארן „ייוואָ" אין ניו־יאָרק. ער איז געשריבן געוואָרן אין ווארשע, דעם 1־טן מערץ, 1944, און אָפּגעשיקט געוואָרן סוף מאי, 1944.

צום יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט „ייוואָ",
צום יידישן פען־קלוב,
צו שלום אש, ה. לייוויק, י. אָפּאטאשו, דר. רפאל מאהלער,
ניו־יאָרק.

טייערע פריינט!

מיר שרייבן צו אייך אין א מאָמענט ווען 95 פּראָצענט פון די פּוילישע יידן זיינען שוין אומגעקומען אין די גרויזאמע פּייניקונגען, איז די גאז־קאמערן פון די שעכט־הייזער טרעבלינקע, סאביבאר, בעלמנא און אָשוויענטשים, אָדער זיי זיינען אויסגעמאָרדעט געוואָרן בשעת די אומצייליבארע „ליקווידיר"־אקציעס אין די געטאָס און לאגערן. דער גורל פון קליינעם טייל יידן, וואָס מאטערט זיך נאָך און גייט־אויס אין געציילטע קאָנצענטראציע־לאגערן, איז אויך שוין א גע'חתמעטער. אפשר וועט לעבן־בלייבן א קלייניקער הייפל פון די יידן, וועלכע פירן אן אומלעגאל לעבן אין די „ארישע קווארטאלן" אין כסדרדיקער טויט־געפאר, אָדער פון יענע יידן, וועלכע וואָגלען ארום אין די וועלדער, ווי געיאָגטע חיות. צי וועט ווער־עס־איז פון אונדז, די געזעלשאפטלעכע טוער, וועלכע ארבעטן אין באדינגונגען פון טאָפּלטער קאָנספּיראציע, איבערלעבן די מלחמה? — מיר צווייפלען אין דעם. דעריבער ווילן מיר אויף דעם וועג דערציילן אייך אין קורצע ווערטער וועגן די ארבעטן, וועלכע פארבינדן אונדז מיט אייך צומשטארקסטן.

אינם מאָמענט, ווען די פּוילישע יידן זיינען ארונטערגעפאלן אונטערן גרויליאָך פון היטלעריזם, האָט דער יידישער אומאָפּהענגיקער געזעלשאפטלעכער אקטיוו אָנגעהויבן א ברייט־פארמאָסטענע טעטיקייט אונטערן לאָזונג פון זעלבסטהילף און קאמף. מיט דער אקטיווער און באדייטנדיקער מיטהילף פונם „דזשאָינט" איז געגרינדעט געוואָרן אין ווארשע און אויף דער פּראָווינץ א זייער גרויסע נעץ פון סאָציאלע הילף־אנשטאלטן, וועלכע זיינען געפירט געוואָרן דורך Z.T.O.S. — יידישע געזעלשאפט פאר סאָציאלער הילף, „צענטאס" — צענטראלע פאר יתומים און קינדער־הילף, און „טאָז" — געזעלשאפט אָפּצוהיטן דאָס געזונט פון דער יידישער באפעלקערונג. אויך „אָרט" (געזעלשאפט צו פארשפּרייטן ארבעט און פאך־בילדונג צווישן יידן) האָט אנטוויקלט א באדייטנדיקע טעטיקייט.

צענדליקער טויזנטער יידן, דערוואקסענע און קינדער, האָבן געקענט א לענגערע צייט דערהאלטן זיך ביים לעבן נאָר א דאנק דער הילף פון די אנשטאלטן און דער פארצווייגטער נעץ פון הויז־קאָמיטעטן, וועלכע האָבן מיט זיי צוזאמענגעארבעט. די דאָזיקע ארגאניזאציעס האָבן געפירט זייער אָפּפערווויליקע טעטיקייט ביזן לעצטן מאָמענט, ביז וואנען עס האָט נאָך געטליעט דער סאמע קלענסטער פונק פון לעבן אין דער יידישער געמיינזאמקייט. אונטער זייער מאנטל האָבן אלע פּאָליטישע פארטייען און אידייאישע שטרעמונגען געפירט זייער קאָנספּיראטיווע טעטיקייט. אונטער זייער פירמע זיינען אָרגאניזירט געוואָרן כמעט אלע קולטור־ארבעטן.

דער לאָזונג פונם יידישן געזעלשאפטלעכן אקטיוו איז געווען: „לעבן מיט ווירדע און שטארבן מיט ווירדע!"

מיר האָבן זיך באמיט אין די געטאָס און אין די לאגערן צו פארווירקלעכן אָט־דעם לאָזונג. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דער ברייט־פארנעמיקער קולטור־ארבעט, וואָס

נישט געקוקט אויף דעם אויסטערלישן טעראָר און הונגער און נויט, האָט זי זיך אַנט־וויקלט און געוואַקסן אין דער ברייט און אין דער טיף האַרט ביז דעם מאַרטירערישן טויט פון פּוילישן יידנטום. אינם מאָמענט, ווען דער וואַרשעווער געטאָ איז הערמעטיש אָפּגע־שלאָסן געוואָרן, האָט זיך געשאַפן די קאָנספּיראַטיווע קולטור־אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „איקאָר" — יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציע — וועלכע האָט געפירט אַ פאַרצווייגטע קולטור־טעטיקייט; זי האָט אָרגאַניזירט ציקלען פון וויסנשאַפטלעכע לעקציעס, יובילײ־פייערונגען — י. ל. פּרץ, שלום־עליכם, מענדעלע, באָראָכאָוו א.א. — און אויך ליטעראַ־רישע און קינסטלערישע אונטערנעמונגען. דער לעבעדיקער גייסט פון „איקאָר" איז געווען דער יונגער וויסנשאַפטלער־עקאָנאָמיסט מאַגיסטער מנחם לינדער, וועלכער איז דער־מאָרדט געוואָרן דורך די דייטשן אין אַפּריל, 1942.

אונטערן מאַנטל פון די קינדער־קיכן און קינדער־היימען פון „צענטאָס", איז געשאַפן געוואָרן אַ ריי אומלעגאַלע שולן פון פאַרשיידענע ריכטונגען — „ציש״אָ", „תרבות", „שול־קולט", „יבנה", „חורב", „בית־יעקב" און אַנדערע. אַ באַזונדערע אַקטיוויטעט האָבן אַרויסגעוויזן די וועלטלעכע שולן מיט דער יידישער שפּראַך. זיי זיינען געבויט געוואָרן דורך די אומפאַרגעסלעכע טוער שכנא זאַגאַן און סאָניאַ נאָוואָגרודזקי, וועלכע זיינען ביידע אַרויסגעפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע צום טויט.

עס איז געשאַפן געוואָר אַ קאָנספּיראַטיווער צענטראַלער יידישער אַרכיוו, מיט דעם אומשולדיקן נאָמען „עונג שבת", אונטער דער אָנפירונג פון דר. עמנואל רינגעלבלום, דער שעפער פון אַרכיוו, און ביי דער אַקטיווער מיטאַרבעט פון ה. וואַסער (צווישן די געראַטעוועטע), מאַגיסטער גוטקאָווסקי (אליהו), הרב ש. הובערבאַנד, ש. ווינטער, מנחם קאָן, אַברהם לעווין א.א. דער אַרכיוו האָט געזאַמלט מאַטעריאַלן און דאָקומענטן אין שייכות מיט דער מאַרטיראָלאָגיע פון די יידן אין פּוילן. אַ דאַנק דער אינטענסיווער אַרבעט פונם גאַנצן מיטאַרבעטער שטאַב, איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן איבער אַ צענדליק קאַסטנס מיט באַזונדערע ווערטפולע דאָקומענטן, כראָניקעס, טאָגביכער, רעפּאָרטאַזשן, פאָטאָגראַפיעס א.א.וו. די אַלע מאַטעריאַלן זיינען פאַרבאָרגן געוואָרן אין שטח פון געטאָ. מיר קענען איצטער נישט צוקומען צו זיי. די מערסטע מאַטעריאַלן וועלכע זיינען אַרויס־געשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד, שטאַמען פון אונדזער אַרכיוו. מיר האָבן אַלאַרמירט די וועלט מיט גענויע אינפאָרמאַציעס וועגן דעם גרעסטן פאַרברעכן אין דער געשיכטע. די אַרכיוו־אַרבעט פירן מיר ווייטער. טראָץ די שרעקלעכסטע באַדינגונגען זאַמלען מיר פאַר־צייכענונגען און דאָקומענטן, וועלכע האָבן אַ שייכות מיט דער מאַרטיראָלאָגיע, מיטן קאַמף און מיט די איצטיקע לעבנס־באַדינגונגען פונם איבערבלייב פון די פּוילישע יידן.
אין די יאָרן 1941 און 1942 זיינען מיר געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט ז. קאַלמאַנאָוויטשן אין ווילנע, וועלכער האָט אונטער אַ קאָנטראָל פון די דייטשן סיסטעמאַטיזירט די „ייוואָ"־מאַטעריאַלן און אַ באַדייטנדיקן טייל פון זיי האָט ער באַהאַלטן. אין איצטיקן מאָמענט זיינען שוין מער נישטאָ קיין יידן אין ווילנע. אַ גרויסער צענטער פון יידישער קולטור און פון מאָדערנער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט איז פולשטענדיק חרוב געוואָרן.

אַ לעבהאַפטע אומלעגאַלע קולטור־אַרבעט האָבן געפירט כמעט אַלע יידישע פּאַרטייען און ריכטונגען, באַזונדערס — די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. כמעט די גאַנצע צייט, וואָס עס האָט עקזיסטירט דער געטאָ איז דערשינען אַן אונטערערדישע פּרעסע. עס זיינען דערשינען צייטשריפטן און זאַמלהעפטן. אַ באַזונדערס־לעבהאַפטע פּרעסע־טעטיקייט האָבן געפירט די פאָלגנדיקע אָרגאַניזאַציעס: „בונד" — „ביולעטין", „צייטפראַגן", „יוגנט־שטימע", „זאַ נאַשאָן אי וואַשאָן וואָלנאָשטש" („פאַר אונדזער און אייער פרייהייט"—אין פּויליש), „נאָווואַ מלאָדזשיעזש" („די נייע יוגנט" — אין פּויליש); „לינקע פּועלי ציון" — „פּראָלעטאַרישער געדאַנק", „יוגנט־רוף", „אַוואַנגאַרד", „נאַשע האַסלאָ" („אונדזער לאָזונג" — אין פּויליש); „השומר הצעיר" — „פּזשעד וויאָשניע" („ערב פרילינג" —

אין פוילישׂ); „יוטזשניא" („מאָרגנשטערן" — אין פוילישׂ), „אויפברויז" און א ריי זאמלהעפטן; „דרור" (החלוץ און פרייהייט־החלוץ הצעיר, די יוגנט באוועגונג פון דער פועלי ציון (צ.ס. פּארטיי) — „דרור", „ידיעות", המדריך", „גבורה און פיין"; „פּועלי־ציון" (צ.ס.) — „באפרייאונג"; דער אַנטי־פאַשיסטישער בלאָק — „דער רוף"; די קאָמוניסטן — „מאָרגן־פרייהייט" און אנדערע. א טייל פון די דאָזיקע אויסגאבן, וועלכע זיינען דערשינען אין ווארשע, זיינען פארשפּרייט געוואָרן כמעט אין אלע געטאָס, נישט געקוקט אויף די קאָלאָסאלע שוועריקייטן פון פארבינדונג און קאָמוניקאציע.

א פארצווייגטע קולטור־טעטיקייט צווישן ברייטע שיכטן פון קינדער און יוגנט האָט געפירט די צענטראלע פאר קינדער־הילף „צענטאָס" אונטער דער אָנפירונג פון דר. א. בערמאַן און פון דער אומפארגעסלעכער טוערין ראָזא סימכאָוויטש—זי איז געשטאָרבן פון טיפוס, אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דער קראנקהייט ביי דער ארבעט צווישן קינדער פון גאס. מיט דער הילף פון א שטאב יידישע לערער, דערציער און ארטיסטן זיינען אָרגאניזירט געוואָרן הונדערטער קינדער־פאָרשטעלונגען אין אינטערנאטן, קינדערהיימען און קלובן, עס זיינען געשאפן געוואָרן א צענטראלע ביבליאָטעק פאר קינדער, אונטער דער אָנפירונג פון בתיה טעמקין־בערמאַן, א טעאטער אונטער דער אָנפירונג פון בלומע פוסווערק, מיט דער באטייליקונג פון א. סאָמבערג, חנה בראַז, א. קורץ, מיכאל זניטש און אנדערע, און אויך קורסן פאר יידיש און יידישער ליטעראטור. באזונדערס זיינען בשעת די גרויסע געזעלעשאפטלעכע אקציעס פונם „חודש פון קינד" פאָרגעקומען אימפּאָזאנטע קולטור־קינסטלערישע פאראנשטאלטונגען, צו וועלכע עס פלעגן קומען טויזנטער צוהערער כדי אָפּצורייסן זיך אויף א פאָר שעה פון דער קאָשמארנער ווירקלעכקייט און פארברענגען זאָרגלאָז צוזאמען מיט די קינדער. אין אָט־די פאראנשטאלטונגען, וואָס זייער קינסטלערישער ניוואָ איז געווען א הויכער, האָבן אנטיילגענומען הונדערטער קינדער פון די „צענטאָס"־אנשטאלטן און פון די שולן. היינט זיינען שוין מער נישטאָ קיין יידישע קינדער אין פוילן. כמעט הונדערט פראָצענט פון די יידישע קינדער האָבן די היטלערישע פאר־ברעכער דערמאָרדעט.

אין געטאָ־געביט איז געווען טעטיק א סימפאָנישער אָרקעסטער מיטן אויסגעצייכנטן דיריגענט שמעון פולמאַן אינדערשפּיץ. די שיינע סימפאָנישע און קאמעראלע קאָנצערטן האָבן געשאפן קנאפּע מאָמענטן פון אָפּרו און פארגעסונג; פולמאַן און כמעט אלע אָרקעסטער־מיטגלידער מיטן פידלער לודוויק האָלצמאַן אינדערשפּיץ זיינען אומגעקומען אין טרעבלינקע. דער יונגער קאפּעלמייסטער מאריאן נויטייך איז אומגעקומען אין לאגער אין טראווניקי. אין געטאָ זיינען אויך אויפגעקומען יונגע נייע טאלאנטן. ווי א מעטעאָר האָט אויפגעלויכטן די פענאָמענאלע יונגע זינגערין מארישאַ אייזענשטאַט,— דער „געטאָ נאכטיגאל"—די טאָכטער פונם דיריגענט פון ווארשעווער סינאגאָגע־כאָר. זי איז דערהרגעט געוואָרן דורך ס.ס.־מענער בשעת א ליקווידיר־אקציע. עס זיינען געגרינדעט געוואָרן כאָרן, אויף א באזונדערס־הויכן ניוואָ זיינען געווען די קינדער־כאָרן אונטער דער לייטונג פון י. פייווישיס. פייווישיס איז אומגעקומען אין לאגער אין פּאניאטאווא. אנדערע כאָר־אָנפירערס, ווי גלאַטשטיין (יעקב), זאקס און אנדערע זיינען אומגעקומען אין טרעבלינקע. די יידישע מאָלערס און סקולפּטאָרן, וועלכע האָבן געלעבט אין דער שרעקלעכסטער נויט, האָבן פון צייט צו צייט איינגעאָרדנט אויסשטעלונגען פון זייערע

שאפונגען. צווישן אָט די אָרגאַניזאַטאָרן איז געווען פעליקס פרידמאַן. אַלע יידישע פּלאַסטיקער זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן צום טויט קיין טרעבלינקע.

אפילו אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון ס.ס., וואוהין עס איז אַרויסגעפירט געוואָרן אַ טייל יידן פון וואַרשע און פון אַנדערע שטעט, האָט אונדזער געזעלשאַפטלעכער און קולטור־אַקטיוו נישט אויפגעהערט די טעטיקייט, ער האָט זיך נישט איינגעבראָכן און איז ווייטער פאַרבליבן אויפן פּאָסטן פון געזעלשאַפטלעכער דינסט. אין פּאָניאַטאָווע, אין טראַווניקי ווי אויך אין אַנדערע לאַגערן האָט זיך געשאַפן אַ קאָנספּיראַטיווע, געזעלשאַפטלעכע זעלבסטהילף; פון צייט צו צייט זיינען אפילו פאָרגעקומען אומלעגאַלע קולטור־פאַראַנשטאַלטונגען, פייערונגען א.א.וו. דער קוואַל פון געזעלשאַפטלעכער און קולטור־אַרבעט האָט געשלאָגן אַזוי לאַנג ביז וואַנען עס האָט נאָך פּולסירט אַ לעבן אין די יידישע צוזאַמענשלוסונגען. זייט ווּיסן, אַז די לעצטע, ביים לעבן־געבליבענע טוער זיינען ביזן לעצטן מאָמענט טריי געווען די אידעאַלן פון אונדזער קולטור. די פאָן פון קולטור און קאַמף קעגן באַרבאַריזם האָבן זיי געהאַלטן אין זייערע הענט ביזן סוף.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די תקופה פון די מערדערישע „אַרויסשיקונג־אַקציעס”, האָט די אידייע פון קאַמף פאַרנומען דעם אָרט פון דער זעלבסטשוץ־אידייע. אויפן אויבנאָן האָט זיך אַרויסגערוקט אונדזער העלדישע יוגנט פון אַלע ריכטונגען צוזאַמען מיטן אַרבעטער־אַקטיוו, און קודם־כּל פון די ארץ־ישראל־טרייע אָרגאַניזאַציעס. עס האָט זיך אָנגעהויבן די הערלעכע עפּאָפּיי פונם יידישן באַוואַפנטן קאַמף אין פּוילן; דער העלדישער ווידערשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ, דער הערלעכער קאַמף אין ביאַליסטאָק, די פאַרניכטונג וואָס יידן האָבן אַדורכגעפירט אין די שחיטה־ערטער טרעבלינקע און סאָביבאָר, די קאַמפן אין טאַרנע, בענדין, טשענסטאָכאָוו און אין אַנדערע ערטער. די יידן האָבן דערוויזן דער וועלט, אַז זיי קענען קעמפן מיט געווער אין האַנט, אַז זיי קענען שטאַרבן מיט ווירדע אין קאַמף קעגן דעם בלוט־שונא פון יידישן פאָלק און פון דער גאַנצער מענטשהייט.

דאָס איז אַלץ, וואָס מיר האָבן אייך געוואָלט זאָגן, טייערע פריינט. נישט קיין סך זיינען מיר, די לעבנגעבליבענע. פון צווישן די שרייבער לעבט, שרייבט און אַרבעט מיט אונדז רחל אויערבאַך, עס לעבט דער יונגער דיכטער נחמן בליץ; עס לעבן אַ ריי פּויליש־יידישע שרייבער: רודניצקי, יאַסטרון, לעץ, מאַקסימיליאַן באַראָכאָוויטש און אַנדערע. עס לעבן און געפינען זיך אונטער אונדזער אויפזיכט די אַקטיאָרן יאָנאַס טורקאָוו און דיאַנאַ בלומענפעלד מיט זייער טאָכטער. עס לעבט דער מאָלער נאַכט, יצחק קאַצענעלסאָן געפינט זיך, ווי איר ווייסט אוודאי, אין אויסלענדער־לאַגער אין וויטעל. י. פּערלע, ג. בוקסבוים און אויך עטלעכע אַנדערע טוער זיינען אַרויסגעפאָרן אין לאַגער פאַר אויסלענדער אין בערגען בריי צעלע ביי האַנאָווער (בערגען־בעלזען). צי זיי לעבן, ווייסן מיר נישט. טויט עפּעס פאַר זיי דורכן אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ. אַ ליסטע פונם אויסגעמאָרדעטן קולטור־אַקטיוו ליגן מיר ביי.

צי וועט אונדז נאָך אויסקומען זיך זען מיט אייך — צווייפלען מיר. גיט איבער אונדזערע הייסע גרוסן אַלע יידישע קולטור־טוער, ליטעראַטן, זשורנאַליסטן, מוזיקער, פּלאַסטיקער, אַלע בויערס פון דער נייצייטיקער יידישער קולטור און די קעמפער פאַר אַ נאַציאָנאַלער און אַלמענטשלעכער באַפרייאונג.

דר. עמנואל רינגעלבלום, דר. א. בערמאַן.

וואַרשע, 1־טער מערץ, 1944.

מרדכי געבירטיק*

עס ברענט

עס ברענט! ברידער, עס ברענט!
עס קען חלילה קומען דער מאָמענט,
ווען דאָס שטעטל מיט אייך צוזאַמען
זאָל אוועק אין אַש און פלאַמען,
בלייבן זאָל נאָר אַ פוסטער סליאד,
שווארצע פוסטע ווענט.
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך
מיט פאַרלייגטע הענט!
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך
ווי אונדזער שטעטל ברענט.

עס ברענט! ברידער, עס ברענט!
דאָס איז נאָר אין אייך אליין געווענדט,
ווען דאָס שטעטל איז אייך טייער,
נעמט די כלים און לעשט דאָס פייער,
לעשט מיט אייער אייגן בלוט,
באַווייזט וואָס איר קענט.
שטייט ניט, ברידער, אָט אַזוי זיך
מיט פאַרלייגטע הענט!
שטייט ניט, ברידער, און קוקט ניט אַזוי זיך
ווי אונדזער שטעטל ברענט.

עס ברענט! ברידער, עס ברענט!
אונדזער אָרעם שטעטל נעבעך ברענט,
ס'האָט שוין די פייער־צונגען
אַלץ ארום שוין איינגעשלונגען,
און די בייזע ווינטן הודזשען —
אַלץ ארום שוין ברענט.
שטייט ניט ברידער אָט אַזוי זיך
מיט פאַרלייגטע הענט!
שטייט ניט, ברידער, און קוקט ניט אַזוי זיך
ווי אונדזער שטעטל ברענט.

---

*) געשריבן נאָך ערב דער מלחמה; געזונגען דורכן יידישן אונטערערד אין דער קראקאָווער געטאָ.

יצחק קאַצענעלסאָן

מיט חלוצים

(אַ קאַפּיטל פון „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק", געשריבן אין וויטעל, 1944.)

אָ, פרעגט נישט קיינער, נישט דערמאָנט מיר מער די מילא־גאַס, ז׳איז פול געווען און איז געוואָרן באַלד צונישט.
איבער הונדערט טויזנט יידן זיינען דאָרט געווען מיט קלומיקלעך מיט רענצלעך אויף פּלייצעס און אין הענט,
און אין די קלומיקלעך אַ העמד, אַ האַנטוך, ברויט אַ שטיקל מיט קינדער קליינע אויסגעמישט,
בלאַסער ווי די לייוונט, טרוקן ווי די שטיקלעך ברויט אין זיי, און שטום פאַרשטומט ווי ווענט.

ס׳האָט ניט געהאָלפן גאָרנישט, מען האָט זיי אַלעמען געפונען אויסגעפונען, זיי דערטאַפּט
טיף אין די קעלערן, אויף בוידעמער באַהאַלטן, אויף פּאַליצעס פאַרשטויבט, אין בערגלעך מיסט,
און אומעטום. די מילא־גאַס איז פול געווען מיט אונדז. וואָס קומט אַרויס: געבליבן זיינען קנאַפּ!
מען האָט אונדז אויסגעשאָסן אויפן אָרט און צום טויט אַרויסגעפירט אין וועגן וויסט.

אַ קליינער טייל פון אונדז האָט אומגעקערט אין שאַפּ זיך, אויף דער נאָוואָליפּיע און דער לעש,
איך האָב געדרייט די שפּול־ראָד, מיין זון, איינציק מיר געבליבענער, ז׳געשטאַנען שטום ביי אַ מאַשין.
די שאַפּ, — אַ ווינקלען מיאוסע פון אַ מזבח אומריין צוואַנציק טויזנט יידן קלאַמערן זיך נאָך אָן אייך, די רעשט
אין געטאָ . . . ווער ס׳האָט אין יענע טעג דעם געטאָ נישט געזען! ווער ס׳האָט נישט דאָן פאַרבלאָנדזשעט דאָרט אַהין!

מען האָט געוואוינט אין מיסטקאַסטנס. אין גאַס איז ווארעם נאָך און אין דער וואוינונג פרעמד —
ס׳האָט קיינער אין זיין וואוינונג נישט געוואוינט, און ס׳האָט אין וואוינונגען אומהיימלעך ג׳יאָגט אַ קעלט,
מען האָט דאָס אָרעמע געקעכטס געגעסן פון אַ פרעמדן טעלער, געטראָגן נישט דאָס אייג׳נע העמד,
אין בעטן פרעמדע קאַלט און האַרט געלייגט זיך . . . אָ, בעטן פרעמדע, אין אַ פרעמד געצעלט!

כ׳האָב אָפּט זיך איינגעשטעלט, אַרויסגעריסן זיך פון שאַפּ, געשמוגלט זיך געהיים דורך גאַסן לער,
אַריינגעגנבעט זיך אין געטאָ, כ׳האָב צוגעזען אַ לעבן דאָרט, דאָס לעבן גרויליק אויף אַ וויל,

צו וואָס, צו ווען? כ'האָב פריינט געהאַט דאָ נאָענט—איך האָב זיי קיינעם שוין ניט מער!
כ'האָב אין געאייל אריינגעריסן זיך אין געטאָ און רייס ארויס פון דאָרט זיך אין געאייל!

כ'האָב פריינט געהאַט דאָ, נאָענטע, שרייבער יידישע און מוזיקער און מאָלער — נישטאָ זיי קיינעם שוין,
מען האָט זיי אַלע אויסגע'הרג'עט, הלל צייטלינען — מען האָט אין טלית אים, צום אומשלאַג אים פארשלעפּט,
און אויפן אומשלאַג אים דערשאָסן. ישראל שטערן! גילבערט — בריליאַנטן גרויס אין אונדזער קרוין —
ווארשאַווסקים! דאַווידאָוויטשעס! זשאַק לעווים און אסטשעגאַס — אָ, קרוינען שטאָלץ אויף יידישע אויף קעפּ!

און אין א וואָך ארום — און כ'גנבע זיך אריין אין געטאָ ווידער . . . איך האָב דאָרט צוקערמאַנען, יאָ!
יצחק צוקערמאַנען האָב איך, צביהן האָב איך—די שענסטע און די בעסטע אויף דער ערד!
חלוצים! יאָ! ווער זאָגט: מיר האָבן אַלץ אויף דר'ערד פארלוירן שוין? חלוצים זיינען דאָ!
ס'איז דאָ אַן אינהאַלט נאָך, אַן אָנהאַלט . . . איך וויין ניט, ניין, די אויגן זיינען מיר נאָר קוים פארטרערט.

יצחק! ר'האָט יענע וואָך געבראַכט א גרוס פון קראָקוי מיר: לאַבאַן! דער חלוץ האָט א באריכט אים אָפּגעגעבן וויפל אָפיצירן פון עס־עס מען האָט אוועקגעלייגט . . . א גרוס, און ביים באריכט — „הענט הויך!" לאַבאַן אין אָפיצירן־מאַנטל ז'ארעסטירט, יצחק אנטלויפט, דרייט פרעמד אין שטאָט
ארום זיך מיט א פוס אדורכגעשאָסן, ס'בלוט רינט אין שטיוול . . . יצחק! ליגט, ליגט! וואָס מאַכט דער פוס?

דאָס איז געווען דער זיבצנטער יאַנואַר, יאָר דריי און פערציק, איך בין געבליבן דאָרט די נאַכט,
און אז ס'האָט אָנגעהויבן קוים צו טאָגן — בעסער ווען עס וואָלט ניט ווערן שוין ניט קיינמאָל טאָג!
איך בין ארויס אין גאַס, געגרייט אין וועג זיך, פון זאַמענהאָף אויף נאַוואָליפּיע — דער געטאָ איז פארמאַכט!
עס־עס צעיאָגט אונדז: צריק! ס'קומען אָן זשאַנדאַרמען, הויך די ביקסן, צעשטעלן זיך אין יעדן ראָג.

שוין ווידער! ווידער? וואָס קען שוין זיין דאָ ווידער? עס איז דאָך אויס מיט אונדז! אָך, ס'ווערט מיר קאַלט און היים,
איך גיי צוריק צום זון, צו די חלוצים . . . זיי וויסן שוין, ס'האָט ווער פון דרויסן שוין געבראַכט די נייס . . .
צביה! זע, יצחק, ער אויך איז אויף די פיס, אויף דעם געזונטן און דורכגעשאָסענעם — ווער וויים
צי ס'רינט דאָס בלוט פון אים ניט אין דעם שטיוול? . . . ר'האָט מיך דערזען און איז פון בלאַס געוואָרן וויים

ווי קאַלך . . . ר'זענט וויים ווי קאַלך, יצחק! איך האָב'ס אים ניט געזאָגט . . . ער רופט א חלוץ צו — „גיי גלייך

און זוך א בונקער אויף דאָ אין דעם הויף און פיר אריין זיי! „איך נעם יצחקן פארן האנט
אָן — „הער,
יצחק!" און איך דריק אים פעסט די האנט, ער רויטלט זיך . . . „יצחק! איך וויל דאָ
זיין מיט אייך,
צביה — אויב ער וויל . . . ער אויך! ער וויל ניט גיין . . . יצחק! און ס'קומט אריין א
חלוץ און פארטיילט געווער.

פאר מיר איז ניט געווען, גאָר ניט . . . נאָר ס'איז פאר מיר, פאר מיר געווען אלץ!
הגם צו שפעט . . .
ניין, ניין! ס'איז קיינמאָל ניט צו שפעט! דער לעצטער ייד — קוים לייגט אוועק ער א
רוצח ראטעוועט זיין פאָלק!
מען קען א פאָלק אָן אויסגע'הרגעטן ראטעווען דאָך אויך . . . ראטעוועט! איך האָב צו
זיי גערעדט,
איך האָב געשטארקט זיי, יאָ! אי זיי אי מיך געשטארקט, איך האָב צו זיי גערעדט,
געוואונטשן זיי דערפאָלג.

זיי האָבן זיך צעשטעלט, חלוצים, אויף דער וואך הארט ביי דער טיר, אין אלקער און
העכער אויף א טרעפ,
לעם פענצטער האָט ווער אויסגערופן שטיל אלץ וואָס אין גאס קומט פאָר, איך האָב
געקוקט פארשטיינערט אין א שויב,
זי איז ארויס צום אומשלאג . . . ווי מיר, מען פירט זיי שוין פארשוויגענע, אראָפגעלאָזן
טיף די קעפ
אָ, יידן מיינע, לעצטע מיינע פון מיין פאָלק, פארוואָס בין איך ניט בלינד? פארוואָס
בין איך ניט טויב?

שאט, א געלאף, זשאנדארמען צוויי אנטלויפן לענג אוים די גאס, ס'קומען צוריק באלד
מער, זיי צינדן אונטער א געביי,
א הייזל קליין צעפלאקערט זיך אנטקעגן מיינע פענצטער, א פייערלעשער שלעכט —
אנשטאט צו לעשן — בלאָזט
די פלאם פונאנדער, ר'גייט צום דייטש צו, רעדט צו אים אויף פויליש: דאָ האָבן זיך
באהאלטן גאנצע דריי!
מען שלעפט ארויס זיי — און ס'רויטלט זיך דער שניי ווייס און ס'רויטלט ווארעם זיך
אין פראָסט.

שאט ,שאט! מען איז שוין דאָ ביי אונדז! איך זע ס'פּנים ניט פון דייטש, זיין פלייצע נאָר,
ס'האָט קיינער אים, דעם דייטש, אין פלייצע ניט געשאָסן, ער האָט א קויל באקומען אין
דער ברוסט,
עס פאלט דער צווייטער אויך — „די יודען שיסן!" האָט באוויזן ווער פון זיי דערשטוינס
א רוף טאָן, יאָ, טאקע וואר!
זכריה, דו! און אליעזר, דאָ — חלוצים! און אויף דער ניזקא — שומרים. יאָ, איר, איר!
זיי האָבן ס'ניט געוואוסט . . .

טוביה באָזשיקאָווסקי

די שעה האָט געשלאָגן

א קאַפּיטל פון בוך „צווישן פאַלנדיקע ווענט" (וואַרשע, פאַרלאַג „החלוץ", 1947). דער מחבר, אַן אַקטיוויסט פון „דרור" און מיטגליד פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשעווער געטאָ, איינער פון די גרינדער פון קיבוץ לוחמי הגיטאות, איז געשטאָרבן אין יאָר 1959 אין ישראל.

מאָנטיק, ערב פסח, דעם 19־טן אַפּריל, 1943, אין דעם שיינעם פרילינגס־טאָג, אין וועלכן א שפע פון זון און ליכט איז אריינגעדרונגען אין יעדן ווינקל פון פאַר־חושכטן געטאָ, האָט געשלאָגן די שעה פון דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ. די חברים, וואָס זיינען שוין א גאַנצע נאַכט געשטאַנען אויף די פּאָזיציעס, האָבן שטאַרק באַדויערט, וואָס אינעם טאָג פון דער אויסראָטונג פון וואַרשעווער יידנטום, דערוועקט די נאַטור אַזוי פיל חשק צום לעבן. פאַר אַזאַ טאָג וואָלט זיכער געפּאַסט א שוואַרץ־בלייענער הימל מיט שטורעם־ווינט און שלאָקס־רעגן, וואָס זאָל פּסיכיש לייכטער מאַכן משלים צו זיין מיטן טויט. אָבער אויך די נאַטור איז געוואָרן דעם שונאס א פאַרבינדעטער, רייצנדיק אונדזערע נשמות מיט איר שיינקייט אויפן ראַנד פון אומקום.

די קאַמפּס־גרופּע פון „דרור" אויף נאַלעווקי 33, וואו איך האָב זיך געפונען, איז געשטאַנען אויף די פּאָזיציעס גרייט צו באַגעגענען דעם שונא. מיין פּאָזיציע איז געווען, צוזאַמען מיט א גרופּע חברים, אויפן באַלקאָן פון ערשטן שטאָק אין ראָג נאַלעווקעס־גענשע, וואו מיר האָבן די ערשטע געהאַט די מעגלעכקייט צו זען די אריינמאַרשירנדיקע דייטשע מיליטער־אָפּטיילונגען אין געטאָ. אַנדערע צוויי פּאָזיציעס זיינען געווען אין הויף ביי די פענצטער פון ביידע אַפּיצינעס. עס האָבן זיך געצויגן פון פאַרטאָג אָן קאָלאָנעס פון עטלעכע טויזנט פוסגייער און רייטער און אויך געפּאַנצערטע אויטאָס און טאַנקען. עס האָבן מאַרשירט פאַרשיידענע פאָרמאַציעס פון מיליטער, ס"ס און אוקראַינער אין דער פולער באַוואָפענונג, אין קאַמפּס־גרייטקייט, ווי צו א שלאַכט־פעלד קעגן א רעגולערער אַרמיי. זיי זיינען אָנגעקומען פון דעם „אַרישן" טייל נאַלעווקעס, געגאַנגען אויף גענשע מיט דער לענג מויער צום געטאָ־טויער אויף ראָג גענשע־זאַמענהאָף. אָבסערווירנדיק די פיינטלעכע כוחות, וואָס גייען קעגן אונדז, האָט זיך מיר אין דער ערשטער רגע אַרויסגע־וויזן ווי שוואַך מיר זיינען. וואָס קאָנען מיר אויפטאָן אַנטקעגן אַזאַ גוט־באַוואָפנטער אַרמיי? וואָס קאָן מען מאַכן אַנטקעגן טאַנקען און פּאַנצער־אויטאָס, בעת אין האַנט האַלט מען א רעוואָלווער, אָדער אין בעסטן פאַל, א ביקס? פונדעסטוועגן האָבן מיר געמוזט זיך שטאַרקן און באַקעמפן די שוואַכקייט.

פונקט 6 אינדערפרי איז דאָס געטאָ שוין געווען פולשטענדיק באַלאַגערט פון אַלע זייטן. די ערשטע דייטשע אָפּטיילונגען האָבן באַטרעטן די ערד פון געטאָ און מאַרשירט אין דער ריכטונג צו די נאַלעווקעס. דערנענטערנדיק זיך צום דרייעק — נאַלעווקי־גענשע־פראַנציסקאַנער. מיר האָבן נישט געוואַרט ביז דער שונא וועט אָנהויבן זיין מאָרד־אַרבעט, נאָר גלייך האָט זיך פון אונדזערע פּאָזיציעס א שאָט געטאָן א האָגל פון קוילן, גראַנאַטן און אויפריים־באָמבעס, וואָס זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין אונדזער אייגענעם באַוואָפנונגס־וואַרשטאַט. די שיסעריי האָט פאַרשטאַרקט זיך פון מינוט צו מינוט. אונדזערע באָמבעס און גראַנאַטן האָבן אויפגעריסן איבער די דייטשע קעפּ און איבערגעלאָזט פיל הרוגים און פאַרוואונדעטע.

היות אונדזער גרופּע האָט זיך געפונען נישט ווייט פון אָרט, וואו די דייטשן זיינען אריין אין געטאָ, איז דאָס געווען דער ערשטער קאַמף. די אויפריייסן האָבן סיגנאַליזירט אַלע קאַמפּס־גרופּן אין די פאַרשיידענע טיילן פון געטאָ, אַז דער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן.

הגם די דייטשן האָבן זיך שוין געריכט אויף א יידישן ווידערשטאַנד, האָבן זיי זיך נישט פאָרגעשטעלט זיין פאַרנעם. נאָך דער דערפאַרונג פון ערשטן ווידערשטאַנד דעם 18־טן יאַנואַר, ווען מיר האָבן געשאָסן בלויז מיט פּיסטאָלעטן, זיינען זיי דאַסמאָל געוואָרן שטאַרק איבערראַשט פון אונדזער ווייט־שיסנדיק געווער און דער עיקר פון אונדזערע אויפרייס־באָמבעס. מיר האָבן די ערשטע אָנגעגריפן, געהאַלטן א לענגערע צייט די קאַמפּס־איניציאַטיוו אין אונדזערע הענט און דער שונא האָט זיך כסדר געפונען אין פאַרטיידיקונג.

די דייטשע אָפּטיילונגען האָבן זיך צעשאָטן אין קלענערע גרופּן, געשאַרט זיך ביי ווענט און מורא געהאַט צוצונעמען זייערע גע'הרגעטע און פאַרוואונדעטע, וועלכע זיינען געלעגן אויפן ברוק. „פאַרפלוכטע", איז צו אונדז דערגאַנגען דאָס געשריי פון דעם ס"ס־אָפיציר צו די זיך אויסבאַהאַלטנדיקע סאָלדאַטן, מיט וועלכע ער האָט אָנגעפירט. ער האָט פאַראָרדנט, אַז זיי זאָלן צונעמען די טויטע און פאַרוואונדעטע, נישט קוקנדיק אויף אונדזער שיסעריי. אָבער דער זעלבער אָפיציר איז אַליין געשטאַנען אונטער א באַלקאָן, מורא האָבנדיק פון דאָרט אַפּויערצוגיין.

די ערשטע דייטשע איבערראַשונג איז פאַרביי און זיי האָבן אָנגעהויבן צו ענטפערן מיט פייער. דער קעגנזייטיקער קאַמף האָט אָנגעהאַלטן א לענגערע צייט. די דייטשן זיינען אָבער געווען אומבאַהאָלפן, שטייענדיק אונטערן פריען הימל און דאָס האָט אונדז דערמעגלעכט אין זיי צו צילן. זייערע קוילן דאַקעגן האָבן צו אונדז נישט געקענט טרעפן, מחמת, מיר האָבן זיך גערעקט הינטער די מויערן פון הויז.

אויף אַלע דריי אָפּשניטן פון אונדזער אָפּטיילונג גייט אָן די שלאַכט מיט פאַר־ביסענער עקשנות. עס מערקט זיך צווישן די חברים א לעבהאַפטע באַוועגלעכקייט. **יעקב גוטערמאַן**, א יונגער, הויכער און דיקער ריז, שיסט אומאויפהערלעך פון א פראָנט־באַלקאָן; **פייוול שוואַרצשטיין** שטייט ביי א פענצטער פון אויבערשטן שטאָק און שיסט פון זיין אויטאָמאַטישן פּיסטאָלעט; **אברהם דרייער** און **מנשה רובין** פירן אָן מיט דער אַטאַקע פון די אַנדערע צוויי פּאָזיציעס וואָס געפינען זיך אויפן הויף, ביים הינ־טערשטן אריינגאַנג פון דער זייט פון גענשע און פון קוזשע גאַס. **זכריה** — דער גרופּן־קאָמענדאַנט פון „דרור", לויפט פון איין פּאָזיציע צו דער אַנדערער און מונטערט צו א פאַרשאַרפטן קאַמף. פאַרבינדונגס־מענער לויפן איבער די פאַרשיידענע פּאָזיציעס מיט ידיעות פון דער קאַמפּס־סיטואַציע און מיט באַפעלן פון קאָמענדאַנט. כסדר און אַלץ מער ווערן מיר פאַרטויבט פון די אויפרייסן און פון געהילך פון די שווערע מאַשין־ביקסן, וואָס שיסן צו אונדז אומאויפהערלעך.

דער קאַמף האָט געדויערט בערך צוויי שעה צייט.

רבקה, די אָבסערוואַטאָרין, איז געקומען צולויפן מיט א ידיעה, אַז דער שונא האָט זיך צוריקגעצויגן און מען זעט נישט קיין איין דייטש אין גאַס. דער קאָמענדאַנט איז געגאַנגען באַקוקן דאָס שלאַכט־געביט און צוריקגעקומען א צעשטראַלטער פון פרייד. ער האָט געמאָלדן, אַז די דייטשן האָבן איבערגעלאָזן אין גאַס עטלעכע צענדליק הרוגים און פאַרוואונדעטע און מיר האָבן נישט געליטן קיין שום אבידה. די מעלדונג איז גלייך צעטראָגן געוואָרן איבער אַלע פּאָזיציעס און אַלע חברים זיינען באַהערשט געוואָרן פון פרייד. נישט קוקנדיק אויף דעם נצחון, האָט זיך יעדער גערעכנט מיט דעם אומקום. אָבער אונדזער צייטווייליקער נצחון, וואָס האָט געבראַכט די דייטשן גרויסע פאַרלוסטן, האָט אַלעמען פאַרשאַפט דאָס איינציקע ביסל פרייד פאַרן אומקום.

בערך דריי שעה האָבן די דייטשן זיך נישט באַוויזן אין געטאָ און דערמיט האָבן זיי אונדז דערמעגלעכט אן אָטעם־פּויזע. אין דער פרייער צייט האָט מען זיך דערמאָנט,

אַז כּל זמן מען לעבט, דאַרף מען עפּעס איבערבייסן. אינעם ערשטן טאָג פֿון קאַמף איז נאָך געווען געגנוג עסן און מען האָט געמאַכט אַ פֿרישטיק. די פֿרייע צייט האָט זיך נאָך פֿאַרצויגן און די חברה אויף די פּאָזיציעס האָט געהאַט צייט צו טיילן זיך מיט איינדרוקן פֿון די פֿאַרגאַנגענע קאַמפּס־שעהן. אַ טייל חברים זיינען איינגעשלאָפֿן מיד פֿון דער וואַך־נאַכט. אַנדערע, וועלכע האָבן געזוכט צייט־פֿאַרטרייב, האָבן גענומען אַרויסגנבֿענען דאָס געווער ביי די שלאָפֿנדיקע. זיי האָבן אָבער אָנגעטראָפֿן אויף אַזעלכע, וואָס אויך אינעם שלאָף האַלטן זיי דעם פֿינגער אויפֿן געווער־צינגל. מיט זיי האָבן די „גנבֿים" מורא געהאַט צו טשעפּען, כדי נישט אַריינצוכאַפּן אַ פּאַרציע בליי, וואָס איז אין תּוך באַשטימט געוואָרן פֿאַר עמעצן אַנדערש . . . אין די קאַמפּסלאָזע שעהן האָט אויך משה רובין נישט פֿאַרגעסן אין זיין באַליבטער מויל־האַרמאָניע, מיט וועלכער ער האָט זיך קיינמאָל נישט געשיידט און האָט אויפֿגעשפּילט די מעלאָדיעס פֿון בעטהאָווען, שובערט און אַנדערע. פּלוצלונג האָט מען געמאָלדן פֿון אָבסערוואַציע־פּונקט, אַז פֿון מוראַנאָווסקע־גאַס דערנענטערן זיך טאַנקן און פֿון גענשע גייען דייטשע אָפּטיילונגען אין אַ טיראַלעריע שאַרנדיק זיך ביי די מויערן, אויס מורא פֿאַר אַ קויל. דער גרופּן־קאָמענדאַנט זכריה האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל זיך צוצוגרייטן צום אַנטשיידענעם קאַמף און פֿאַראָרדנט, אַז די חברים, וועלכע וועלן בלייבן לעבן, זאָלן — בעת דער נויטווענדיקייט פֿון אַ ריקצוג — זיך צוריקציען צו איינער פֿון אונדזערע באַזעס אויף גענשע 6.

עס האָבן קוים פֿאַרקלונגען די לעצטע ווערטער און מיר זיינען פֿאַרטויבט געוואָרן פֿון אַ מוראדיקער שיסעריי, געווענדעט אויף אונדז פֿון אַלע זייטן. ביים ראָג נאַלעווקי־פֿראַנציסקאַנער, האָבן די דייטשן אַרויסגעשלעפּט אויפֿן גאַס מאַטראַצן פֿון דעם דאָרט נאָענטן מאַגאַזין „ווערטעפּאַסונג" און פֿון זיי אויפֿגעשטעלט אַ באַריקאַדע, פֿון וועלכער זיי האָבן באַשאָסן אומאויפֿהערלעך אונדזערע פּאָזיציעס מיט אַלע מינים געווער. מורא האָבנדיק אַרויסצוגיין פֿון הינטער דער באַריקאַדע, האָבן די דייטשן געשאָסן צו אונדז אויף בלינד, באַנוצנדיק אַן אומגעהויער גרויסע צאָל אַמוניציע. מיר דאַקעגן, האָבן זיך באַמיט צו שיסן צילנדיק, אַז קיין איין קויל זאָל נישט פֿאַלן אומזיסט. מיט פֿרייד האָבן מיר פֿעסטגעשטעלט, אַז אויך אין דער צווייטער שלאַכט זיינען ווידער געפֿאַלן עטלעכע דייטשן און פֿון אונדז איז קיינער נישט אומגעקומען.

ווען דער קאַמף האָט זיך פֿאַרשטאַרקט, האָבן מיר אונטערגעצונדן די דייטשע באַריקאַדע, וואַרפֿנדיק צו איר אונדזערע צינד־פֿלעשלעך. נישט האָבנדיק שוין הינטער וואָס זיך צו דעקן, האָבן די דייטשן געגעבן מער קרבנות. זיי האָבן דאַן באַוואָרפֿן אונדזער הויז מיט ברען־באָמבעס. ווען דאָס הויז איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט פֿלאַמען, האָבן מיר נאָך באַוויזן אונטערצוצינדן דעם דייטשן מאַגאַזין פֿון „ווערטעפּאַסונג", וואָס האָט זיך געפֿונען בשכנות פֿון אונדז און מיר האָבן גענומען זיך צוריקציען אויף נייע פּאָזיציעס.

אונדזער וועג האָט געפֿירט דורך בוידעמער, אין וועלכע עס זיינען געווען דורכגאַנג־לעכער צו די שכנותדיקע הייזער. זייענדיק שוין אין וועג, איז אונדזער פֿאַרפּאַסטן צוריקגעקומען מיט אַ ידיעה, אַז גענשע 6, וואָס דאַרף זיין אונדזער נייע קאַמפּס־פּאָזיציע, איז באַלאַגערט פֿון דייטשן. קיין וועג אויף צוריק איז שוין נישט געווען, ווייל אונדזערע פֿריערדיקע פּאָזיציעס אויף נאַלעווקי 33 זיינען שוין געשטאַנען אין פֿלאַמען. מיר זיינען געווען אַרומגערינגלט פֿון איין זייט דורך די דייטשן און פֿון דער צווייטער זייט דורך די פֿלאַמען. דאָס טראַגישסטע איז אָבער געווען דאָס, וואָס דער באָדן אונטער אונדזערע פֿיס האָט אויך שוין אָנגעהויבן ברענען. דער רויך האָט געשטיקט אין האַלדז און די אויגן זיינען געוואָרן בלינד, אַזוי אַז איינער האָט דעם אַנדערן נישט דערזען. אויף די קעפּ זיינען געפֿאַלן ברענענדיקע שטיקער פֿון דאַך, די פֿיס האָבן געטרעטן אויף אַ זיך איינברעכנדיקן באָדן, און די פֿייער־צונגען האָבן שוין געלעקט אונדזערע מלבושים.

מיר האָבן אַרויסגעשיקט דורך די בוידעמער־לעכער אַ פּאַטראָל אויסצוגעפֿינען אַ

וועג. ער איז אזוי גיך נישט צוריקגעקומען. די סיטואַציע איז געוואָרן ערנסט און די אטמאָספער געשפּאַנט ביז גאָר. די מינוטן פון אונדזער לעבן האָבן אויסגעזען צו זיין געציילטע. אין צווישנצייט, האָבן די דייטשן זיך ארויפגעקראָגן אויפן בוידעם פון דער זייט פון גענשע 6. מיר האָבן תיכף דערלאַנגט פייער און מאַנפרעד האָט דערשאָסן א דייטש, צונעמענדיק ביי אים דאָס געווער. די איבעריקע דייטשן זיינען אנטלאָפן. פון די געדיכטע רויך־וואָלקנס זיינען זיך אלע חברים צונויפגעלאָפן אויפן אָפּקלאַנג פון דער שיסעריי.

דאָס דער׳הרגענען א דייטש האָט אונדז אפשר אויף איין מינוט געמאַכט פארגעסן אין דער סיטואַציע. מאָמענטאַל זיינען מיר אָבער ווידער באַהערשט געוואָרן פון דעם געפיל, אז אונדזער לאַגע איז אָן אן אויסוועג. מיט יעדער נייער כוואַליע רויך און פלאַמען, וואָס האָט זיך געלאָזן אויף אונדז, איז די לאַגע געוואָרן ערנסטער און קיין שום אויסזיכטן אויף רעטונג האָבן זיך נישט געזען. אלע זיינען געלאָפן פון איין ווינקל צום צווייטן, פון איין לאָך צום אנדערן, אפשר וועט פּאָרט זיך עפענען ערגעץ א וועג צום אנטרינען פון דעם גיהנום, אָבער יעדע באַמיאונג אין דער ריכטונג האָט געברענגט נייע אנטוישונגען.

פּונקט אין מאָמענט, ווען ס׳איז שוין מער נישט געווען מעגלעך אויסצוהאַלטן קיין איין מינוט, איז אָנגעקומען אונדזער פּאַטראָל. זיי האָבן אויסגעפונען א וועג זיך צוריק־צוציען פון דער חורבה, דורך אזעלכע לעכער און שפּאַרונעס, וואָס עס איז פּשוט נישט צו גלויבן, אז א מענטשלעכער קערפּער וועט זיך קאָנען דורך זיי דורכשלייכן. אָבער אין אַזאַ סיטואַציע קאָן נישט זיין א זאַך, וואָס איז נישט מעגלעך.

מיר האָבן זיך אוועקגעלאָזט אויף דעם נייעם וועג דורך טיפע לאַבירינטן פון בוידעמער און איבער דעכער, איבערלאָזנדיק די ברענענדיקע הייזער הינטער זיך אין דער סאַמע לעצטער מינוט, וואָס האָט דעצידירט וועגן אונדזער לעבן און טויט און מיר זיינען אָנגעקומען אויף נאַלעווקי 37.

אויפן הויף פון נאַלעווקי 37, האָבן מיר זיך ארומגעדרייט, נישט וויסנדיק, וואו מען קען א פוס ארײַנשטעלן און נישט האָבנדיק קיין שום באַזע פאַר א קאַמף, אין פאַל ווען די דייטשן וועלן אָנקומען.

נאָך לאַנגע זוכענישן, זיינען מיר דערגאַנגען צו די שפּורן פון א בונקער, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען א סך יידן.

אין קעגנזאַץ צו דער גרויסער סימפּאַטיע מצד דער באַפעלקערונג, וואָס די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעטראָפן אין אלע בונקערס, וואו מיר זיינען נאָר געקומען, האָבן די איינוואוינער פון דעם בונקער אויף נאַלעווקי 37 אונדז נישט גוט אויפגענומען. ווען מיר זיינען אהין ארײַנגעקומען, האָבן די יידן מורא געהאַט דאָרט ווייטער צו בלייבן, מיינענדיק, אז צוליב אונדזער קאַמפּס־טעטיקייט דראָט זיי א סכנה. ספּעציעל האָבן די פרויען מיט ספּאַזמאַטישע געוויינען גענומען ארויסלויפן פון בונקער אין מיטן העלן טאָג, ווען עס דראָען די גרעסטע סכנות און אָנגעהויבן זוכן אנדערע באַהעלטענישן, אבי נישט צו זיין מיט די קעמפער. אין יענעם ערשטן טאָג פון דער אויסראָטונגס־אַקציע, האָט נאָך א געוויסער טייל יידן געקענט זיין אזוי נאַאיוו צו מיינען, אז די, וואָס קעמפן נישט זיינען מער זיכער מיטן לעבן, ווי אזעלכע, וואָס קעמפן יאָ.

ווען מיר האָבן געזען די שטימונג ביי די דאָרטיקע יידן, האָבן מיר באַשלאָסן דעם בונקער צו פאַרלאָזן. הגם ביי זיך זיינען מיר זיכער געווען, אז מיט אונדזער אָנוועזנהייט שטעלן מיר נישט דאָס לעבן פון די יידן אין קיין גרעסערער סכנה, אָבער בלויז צוליב זייער זעלבסטגעפיל האָבן מיר פאַרלאָזן דאָס אָרט, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס מיר

האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערן בונקער אַלס באַזע פֿאַר אונדזער ווייטערדיקן קאַמף און קודם־כּל אַלס שוץ ביזן קאַמף. — — — — —

— — — נאָך דעם, ווי מיר האָבן פֿאַרלאָזט דאָס הויז אויף נאַלעווקי 37, האָט אונדזער גרופּע דורכגעמאַכט אַ סך וואָגלעניש איבער בוידעמער און לעכער און ס'איז נישט מעגלעך געווען אין ערגעץ צו שאַפֿן זיך קיין באַזע פֿאַר אונדזער קאַמפּס־גרופּע. אויף די בוידעמער האָבן מיר זיך צוזאַמענגעטראָפֿן מיט אַ סך פּליטים, וועלכע זיינען אַנטלאָפֿן פֿון זייערע באַהעלטענישן צוליב די שריפֿות. פֿון אַלע זייטן זיינען יידן געלאָפֿן אַהין און צוריק און נישט געקאָנט אין ערגעץ זיך קיין אָרט געפֿינען. יעדער האָט געהאַפֿט אויפֿן אָנקום פֿון דער נאַכט. ס'איז אָבער שווער געווען זיך צו דערוואַרטן, הגם ס'איז שוין געווען נאָכמיטאָג. פֿון צייט צו צייט איז רואיק געוואָרן, די שיסעריי איז געוואָרן שוואַכער און דער מאַסן־געלויף פֿון די דערשראָקענע יידן האָט זיך אָפּגעשטעלט. אין אַ ווינקל פֿון בוידעם האָב איך באַמערקט אַ פֿרומען ייד דאַווענען מנחה מיט גרויס כּוונה. ער האָט זיך געאיילט צו פֿאַרענדיקן די שמונה עשרה פֿאַרן אָנקומען פֿון אַ נייעם שטורעם. אָבער מיטאַמאָל האָבן ווידער גענומען זיך טרייסלען די ווענט, צוליב די באָמבע־אויפֿרייסן. די יידן האָט באַהערשט שרעק און בהלה. מיר האָבן זיך דערוויַיל, צווישן איין שטורעם און צווייטן, גערוקט אַלץ ווייטער דורך אַ גאַנצער ריי בוידעמער. אונדזער ציל איז געווען: פֿאַרלאָזן די נאַלעווקעס, ווייל דאָרט האָבן די דייטשן, נאָך אונדזער ערשטן קאַמף, קאָנצענטרירט אַ סך כּוחות. אונדזער פּלאַן איז געווען צוצוקומען צו קוזשאַ־גאַס און דאָרט שאַפֿן זיך אַ נייע באַזע.

נאָך אַ לאַנגן און שווערן וועג, איז אונדז געלונגען צו פֿאַרלאָזן די נאַלעווקעס און מיר זיינען אָנגעקומען אויף קוזשאַ 3. דאָרט זיינען מיר אַריין אין אַ בונקער, כּדי צו־צואוואַרטן ביז נאַכט.

די פּאָר שעה, וואָס מיר האָבן זיך דאָרט געפֿונען, האָט ביי אונדז אויסגעזען ווי אַן אייביקייט. דער שרעקלעכער ענגער און פֿינצטערער קעלער איז געווען איבערפֿולט איבער די ברעגעס. מענטשן זיינען ממש געלעגן איינער אויפֿן אַנדערן. די ענגשאַפֿט האָט צוזאַ־מענגעפּלאָנטערט מענטשלעכע קערפּערס, הענט און פֿיס, אַז ס'איז נישט מעגלעך געווען זיך צו רירן פֿון אָרט. דער מאַנגל אין לופֿט איז געווען אַזוי גרויס, אַז קיין ליכטל אָדער שוועבעלע האָט נישט געקענט ברענען. עס איז בכלל נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען און דאָס אָרבעטן פֿון די מענטשלעכע הערצער האָט מען געהערט מיט אַ סאָפּען ווי פֿון שווערע לאָקאָמאָטיוון.

די שטילקייט איז אַלע מינוט אויפֿגעטרייסלט געוואָרן דורך אַ געוויין פֿון קליינע קינדער. די מאַמעס האָבן מיט די הענט פֿאַרשטאָפּט זייערע מיילעכלעך. מען האָט מורא געהאַט, אַז דאָס קינדערישע געוויין קאָן ברענגען אויף די שפּורן פֿון בונקער און עטלעכע הונדערט מענטשן קאָנען אומקומען צוליבן געוויין פֿון איין קינד. אָבער יעדעס מאָל, ווען דאָס געוויין פֿלעגט זיך איינשטילן, האָט אויפֿגעפּלאַטערט אַן אומרואיקייט, צי דאָס קינד איז נישט דערשטיקט געוואָרן. אויך אַזעלכע פֿאַלן האָבן זיך אָפֿט געטראָפֿן.

ווען מיר זיינען אין אָוונט פֿון דאָרט אַרויס, האָבן מיר זיך נישט געקענט אָנזעטיקן מיט דער גרויסער שפּע פֿון לופֿט, הגם זי האָט געשמעקט מיט רויך. מיר האָבן זיך דערוויַיל איינגעאָרדנט אין אַ צימער פֿון דעם זעלבן הויז און עטלעכע חברים זיינען אַרויס זוכן אַ קאָנטאַקט מיט אַנדערע קאַמפּס־גרופּן, אָפּנעמען ידיעות וועגן פֿאַרלויף פֿון ערשטן קאַמפּס־טאָג אין אַנדערע טיילן פֿון געטאָ און אויך באַריכטן וועגן גאַנג פֿון קאַמף אין אונדזער קאַמפּס־גרופּע אויף נאַלעווקי 33. אַן אַנדערע גרופּע חברים איז געגאַנגען אויס־

זוכן א פּאַסיקע קאַמפּס־באַזע פאַרן מאָרגנדיקן טאָג. — — —

— — — אין דעם זעלבן אָוונט פון 19־טן אַפּריל בין איך אריין אין הויז קוזשאַ 4, בכדי דאָרט צו באַקומען ליכט — באַטעריעס פאַר אונדזער קאַמפּס־גרופּע. אומגעריכט בין איך — גייענדיק איבער די שטובן — אריינגעפאַלן אין דער וואוינונג פון הרב מייזעל. ווי נאָר איך האָב איבערגעטראָטן די שוועל, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז עס איז פּסח, די נאַכט פון ערשטן סדר.

די שטוב האָט אויסגעזען ממש ווי נאָך א פּאָגראָם. דאָס בעטגעוואַנט איז געווען צעוואָרפן, די שטולן איבערגעקערט. אויף דער פּאָדלאָגע האָבן זיך געוואַלגערט פאַרשיי־דענע זאַכן, די שויבן זיינען געווען אויסגעבראָכן פון די דעטאָנאַציעס. דאָס אַלץ איז געשען במשך פון טאָג, נאָך פאַרן צוריקקומען פון די בני בית פון בונקער.

בלויז דער טיש אין מיטן שטוב, האָט אויסגעזען מער יום־טובדיק און איז געווען א שטאַרקער דיסאָנאַנס צום איבעריקן טייל מעבל און זאַכן פון דער שטוב.

די כוסות וויין אויפן טיש האָבן אין זייער רויטקייט דערמאָנט דאָס בלוט פון די יידן, וואָס זיינען אומגעקומען אין דעם זעלבן טאָג פון ערב פּסח. די הגדה האָט דער רב געזאָגט אונטערן אָפּקלאַנג פון די אומאויפהערלעכע שיסערייען און באָמבע־אויפרייסן, וואָס האָבן זיך געהערט א גאַנצע נאַכט אין געטאָ. דורך די פענצטער האָט זיך כסדר און אַלץ מער אריינגעריסן דער אָפּשיין פון די שכנותדיק־ברענענדיקע הייזער, וועלכער האָט אין דעם טונקעלן צימער באַלויכטן די פּנימער פון די, וואָס זיינען געזעסן ביים סדר־טיש.

ביי שפוך חמתך האָט דער רב און זיין גאַנץ בני־בית אויסגעבראָכן א גרויס געוויין. כ׳האָב געפילט, אַז דאָס איז א געוויין פון צום טויט־פאַר׳משפּטע, וועלכע האָבן שוין שלום געמאַכט מיטן טויט און דאָך מורא געהאַט פאַר אים, אין דער מינוט פון זיין אָנקום. אין רב׳ס ווערטער האָט זיך געפילט דער צער צוליב יענע יידן, וועלכע האָבן שוין נישט דערלעבט דעם ערשטן סדר און אין זיין טאָן איז געווען א שטילע תפילה צו דערלעבן די צווייטע סדר־נאַכט.

מיט דעם שוואַכער ווערן, אָדער פאַרשטאַרקן זיך פון דער שיסעריי און פון די ארומיקע שריפות, האָט זיך געהויבן און געפאַלן די שטימונג. אין מינוטן פון פאַר־שטאַרקטער האָפנונג, האָבן זיך דערהערט די ווערטער פון רב: אפשר וועט פּאַרט געשען א נס, ווי אַמאָל אין מצרים. די ווייטערדיקע מינוטן האָבן ווידער געברענגט מיט זיך א כוואַליע פון פאַרצווייפלונג און דאָס באַוואוסטזיין, אַז מיר זיינען דער דור־המדבר, וועלכער מוז אומקומען ביזן לעצטן.

וואָס מער דער רב האָט זיך פאַרטיפט אין דער הגדה, אַלץ געדריקטער איז געוואָרן זיין שטימונג. אין געדאַנק האָט זיך ביי אים צונויפגעטראָפן די אַמאָליקע באַפרייאונג מיט דער קעגנווערטיקער פאַרלוירנקייט און ס׳איז נישט געלונגען צו פאַרגעסן די לאַגע, וואָס איז אָן אָן אויסוועג. אָן אויסגעמאַטערטער פון א גאַנצן טאָג זיצן אין בונקער, פאַרטויבט פון די אומאויפהערלעכע שיסערייען אויפן גאַס, צעמישט און דערשראָקן פון יעדער ידיעה וועגן דער לאַגע אין געטאָ, איז דער רב געזעסן ביים סדר אבי יוצא צו זיין. זיין גאַנצער אינערלעכער צושטאַנד איז געווען ווייט פון א וועלכער ס׳איז יום־טוב־דיקער שטימונג. ער האָט אוועקגעלייגט די הגדה, מיט א זייער שווערן געמיט אָנגעלענט דעם קאָפּ אויפן טיש און פון צייט צו צייט אים אויפגעהויבן, כדי צו שמועסן מיט

מיר. ער האָט געוואָלט הערן פון מיר עפּעס א טרייסט־וואָרט. ער האָט נאָכגעפרעגט וועגן דער קאמפּס־אָרגאניזאציע, וועגן די קאמפן, וואָס זיינען פאָרגעקומען דעם ערשטן טאָג פון אויפשטאנד און וועגן אונדזערע פּלענער אויף ווייטער.

א מאָדנער געפיל האָט מיך באהערשט ביים רב אין שטוב. איך האָב זיך נישט געקאָנט באפרייען פון דער שווערער אטמאָספער, וואָס האָט אויף מיר געדריקט. אין דעם רב'ס געשטאלט האָב איך געזען די טראגעדיע פון אלטן דור, וואָס איז נישט בכוח אומצוקומען אין אקטיוון קאמף און דערפון נעמט זיך זיין מאכטלאָזיקייט און פארצווייפלונג.

ביים פארלאָזן די שטוב, האָט דער רב זיך מיט מיר הארציק געזעגנט און געווונטשן דערפאָלג אין קאמף. איך — האָט ער געזאָגט — בין שוין אלט און צעבראָכן, אָבער איר, יונגע מענטשן, גיט זיך נישט אונטער, קעמפט מיט הצלחה און זאָל גאָט זיין מיט אייך.

דער רב איז מיר נאָכגעגאנגען און מיר געגעבן א פּאָר פּעקלעך מצות פאר מיין קאמפּס־גרופּע. אויב מיר וועלן דערלעבן ביז מאָרגן — האָט ער געזאָגט — זאָל איך צו אים קומען מיט צביהן. איך האָב מיין צוזאָג דערפילט און דעם צווייטן אָוונט, האָב איך נאָך אמאָל באזוכט מיט צביהן דעם רב מייזעל.

צוריקקומענדיק אין דער קאמפּס־גרופּע האָב איך געהאט דעם איינדרוק, ווי איך וואָלט אריינגעפאלן אין א גאָר אנדערער וועלט. איך האָב זיך צוריק דערוואַרעמט אין דער אייגענער חברישער אטמאָספער. איך האָב זיך אויפסנייַ געפונען אין א סביבה, וועלכער עס איז — טראָץ די גרויסע צרות — פרעמד טרערן. איך האָב ערשט אָנגעהויבן אָפּצושאצן דעם פעסטן גייסט, וואָס הערשט אין דער קאמפּס־אָרגאניזאציע, אלס דעם וויכטיקסטן כוח אונדזערן. דאָס איז דער כוח פון נישט לאָזן זיך מיטרייסן פון דער ארומיקער פארצווייפלונג, דאָס קאָנען זיך דערהויבן איבערן גאנצן טראגישן ארום און דאָס כסדרדיקע זוכן דעם געמיינזאמען ציל פון שלאָגן דעם שונא.

די נאכט פון 19־טן אויפן 20־טן אפּריל איז שוין באלד געגאנגען צום סוף, ווען עס האָט אָנגעהויבן גרויען דער פרימאָרגן, זיינען שוין די חברים פון אונדזער גרופּע צוריקגעקומען פון זייערע פארשיידענע שליחותן איבער פארשיידענע טיילן פון געטאָ. אין דער זעלבער נאכט, זיינען צו אונדז געקומען שליחים פון דער צענטראלער קאָמענדאנטור — לוטעק ראָטבלאט („עקיבא"), פּאוועל ברוסקין און העניעק קאווע (ביידע פון פפ"ר). פון דעם קעגנזייטיקן אויסטויש פון שליחים, זיינען מיר רייך געוואָרן מיט אינפאָרמאציעס וועגן דעם פארלויף פון ערשטן טאָג פון אויפשטאנד אין אלע טיילן פון געטאָ, און וועגן דעם צושטאנד אויף באזונדערע קאמפּס־פּאָזיציעס. יעדעס וואָרט, וואָס מיר האָבן געהערט, האָבן מיר ממש געשלונגען מיט דער גרעסטער שפּאנונג און אויפמערקזאמקייט. עס איז פארשוואונדן דאָס איינזאמקייטס־געפיל פון דעם גאנצן ערשטן טאָג פון אויפשטאנד און מיר האָבן זיך ווייטער געפילט פארבונדן מיט דער גאנצער קאמפּס־אָרגאניזאציע.

מיטן אָנקומען פון טאָג, האָבן מיר זיך פארפעסטיקט אויף נייע קאמפּס־פּאָזיציעס אויף קוזשא 4. א גאנצן טאָג, דעם 20־טן אפּריל, האָבן מיר אָפּגעוואַרט די דייטשן אויף אונדזערע פּאָזיציעס. זיי האָבן זיך אָבער נישט באוויזן אין דער גאנצער ארומיקער געגנט פון דער קוזשא גאס. פון דער ווייטנס האָבן מיר געהערט אָפּקלאנגען פון קאמפן אין אנדערע טיילן פון געטאָ.

שמחה ראַטהייזער (קאַזיק)

א באַריכט פונם קאַמפּס-פראָנט

א קאַפּיטל פון א באַריכט, געשיקט פון וואַרשע, דעם 24־טן מאַי, 1949. דער מחבר, א מיטגליד פון „עקיבא" און פון דער „יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע" איז צווישן די אָנפירער פון דער הילפס־אַקציע פאַר וואַרשעווער געטאָ־קעמפער. איצט אין ישראל.

פינף אזייגער פאַרטאָג זיינען מיר שוין ביים קאַנאַל־צודעק. איך וואַרט אויף טאַדעקן און אויף די אויטאָס, וואָס קאַסטעק האָט געדאַרפט צושטעלן. א האַלבע שעה שפּעטער קומט־אָן טאַדעק. מיר גייען זיך דורך אויף פּראָסטע גאַס. עס גייט דורך א שעה, צוויי, קאַסטעק איז אַלץ נישטאָ. מיר זיינען שרעקלעך דענערווירט. מיר האָבן באַשלאָסן מיט אייגענע כוחות אויסצוקאָמבינירן אויטאָס. טאַדעק האָט געהאַט א מעגלעכקייט צו באַקומען אויטאָס — איז ער אַוועק און איך בין געבליבן אַליין. עס איז שוין ניין אַזייגער אינדערפרי און מען זעט נישט קיינעם פון זיי. עס איז צו שפּעט, אז מען זאָל ריזיקירן איצטער אַרויסציען די מענטשן פון אונטן. אָבער פון דער אַנדערער זייט איז מיר קלאָר: נישט אַרויסנעמען די מענטשן הײנט הייסט פאַר זיי — אומקום אין קאַנאַל. איך באַשליס דעריבער מיט מיר זעלבסט: ווען עס זאָל נישט זיין די געלעגנהייט — היינט מוזן מיר די מענטשן אַרויספירן. עס וואָלט גוט געווען צו האָבן א וואָך ביים אַרויסנעמען זיי. לײדער האָבן מיר קיינעם נישט. עס גייען ווייטער פאַרביי שעהן. פּלוצלונג — קומט אָן אן אויטאָ. עס זיינען אָנגעקומען אויך קאַסטעק און אַנדערע גוט־אויסזע־ענדיקע בחורים: יורעק, רישעק און וואַצעק. מיר שטעלן אַרום דעם קאַנאַל־צודעק מיט פון פריער צוגעגרייטע פּלאַטפאָרמעס, ווייל אין ווינקל זשעלאַזנע גאַס שטייט א דייטש־אוקראַינישער וואַך־פּאָסטן — די באַוואַכונג פון קליינעם געטאָ. מיר עפענען דעם צודעק. עס הויבט זיך אָן דאָס אַרויסגיין פון קאַנאַל. איך דערקען קיינעם נישט. הגם איך האָב אַלעמען גוט געקענט. ווייל דאָס זיינען נישט קיין מענטשן, נאָר אויסגעמוטשעטע גע־שפּענסטער, וועלכע האַלטן זיך קוים אויף די פיס. אַרום האָט זיך צונויפגעקליבן א מאַסע מענטשן, וועלכע קוקט זיך צו און זאָגט: „די קעץ קומען אַרויס". פּלוצלונג באַמערק איך, דער צודעק איז אָפן אָבער קיינער קומט נישט אַרויס. קאַסטעק איז דענערווירט, דער אויטאָ איז שוין פול. אין דעם מאָמענט איז אָנגעקומען א צווייטער אויטאָ. איך בין צוגעלאָפן צו קאַסטעקן און ער זאָגט מיר, אז דער צווייטער אויטאָ איז נישט אונזערער. „דער אויטאָ איז פול", זאָג איך צו אים, „און קיינער קומט שוין נישט אַרויס, אויף וואָס וואַרטן מיר?" איך גיב א באַפעל צו פאַרמאַכן דעם צודעק און אַוועקפאָרן. אין אויטאָ דערוויס איך זיך, אז אין קאַנאַל זיינען פאַרבליבן 15 קעמפער; זיי זיינען געווען אין א זייטן־קאַנאַל. דאָס אַרויסגיין פונם קאַנאַל האָט געדויערט א האַלבע שעה. די דאָרט־געבליבענע גרופּע איז געווען ווייט פונעם צודעק א 15 מינוט גאַנג אין איין זייט. מיר האָבן באַשלאָסן, אז נאָכן איבערטראַנספּערירן די איצטיקע גרופּע וועט דער אויטאָ זיך אומקערן צוצונעמען די איבעריקע. מיר זיינע געפאָרן צום וועלדל נעבן X. איך בין געבליבן כדי צוצופירן די מענטשן צו דער גרופּע קעמפער פונעם טעבענס־געביט וואָס מיר האָבן זיי מיט צוויי וואָכן צוריק אַרויסגענומען פון אָגראָדאָווע גאַס. רישעק, וואַצעק און יורעק זיינען צוריקגעפאָרן מיטן אויטאָ קיין וואַרשע. פאַרנאַכט, זעענדיק, אז זיי

קומען נישט צוריק, בין איך אוועק קיין ווארשע. אדורכפּאָרנדיק דעם באנק־פּלאַץ האָב איך באמערקט א צוזאמענלויף. געשטויסן פון עפּעס א פאָרגעפיל בין איך ארויסגעשפּרונגען פון טראמוויי. איך גיי צו נעענטער. פאר מיינע אויגן ליגט רישעק, א דערהרגעטער. א ביסל ווייטער — יורעק. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט: זיי זיינען געקומען צופאָרן קיין ווארשע און אוועק אויף פּראָסטע־גאס צום קאנאל־צודעק. אָבער דער אָרט איז שוין געווען ארומגעשטעלט מיט זשאנדארמעריע. עפּעס א פּרווי האָט זייביידן דערקענט און געמסרט, אז זיי האָבן אנטיילגענומען אין ארויסציען מענטשן פון קאנאל. די אין קאנאל־פארבליבענע זיינען ארויס דורכן געעפנטן צודעק. אינעם קאמף, וואָס איז אויסגעבראָכן, זיינען זיי אלע אומגעקומען.

מאָנטיק, דעם 15־טן מאי.



מאָדעל פון לאגער **טרעבלינקא** אין מוזיי פון אומקום און ווידערשטאנד
אין קיבוץ לוחמי הגטאות אין ישראל

אַ קאַפּיטל תהלים

פראַגמענט פון אַ ליד געווידמעט דעם קאַמף אין דער וואַרשעווער געטאָ, וואָס האָט געוואונען דעם ערשטן פּרייז אין אַ לידער־קאָנקורס, געשריבן פון אַ יונגער יידישער מיידל, פאַר איר טויט.

וואַרשע, וואַרשע, — מוטער־שטאָט
מיט בלוט פאַרשפּריצטע מויערן!
זעט ניט דיינע וואונדן גאָט?
די מתים אין די טויערן?

אויף קראַשינסקיס פּלאַץ האַרמאַטן
פייערן אויף געטאָ־היימען . . .
האָט דער אַלטער גאָט פאַרראַטן
ס'פאָלק פון דודן און שלמהן?

גייט אַ מחנה קעגן פיינט
פון שמשונס און פון דבורהס . . .
„זאָל איך בעסער פאַלן היינט,
מקדש זיין די דורות“! . . .

איך כאַפּ אַ באָמבע מיט דער האַנט,
„באַגרים“ דעם שונאס טאַנקען . . .
קערפּערס שפּריצן אויף דער וואַנט!
געטראָפן! גאָט צו דאַנקען . . .

שטאַרק און קרעפטיק די אַטאַקע,
צאָלרייך די קרבנות.
„צינדט פאַבריקן און באַראַקן,
קוילעט אָן רחמנות“!

שוין־זשע מיינט איר איז דער סוף,
ווען פלאַמען פרעסן שטיינער?
ווען רויכן וויקלען מוראַנאָוו
און פרעגלען יונגע ביינער?

* * *

אפשר טאַקע צוליב וואַרשע
ברענט אַ שלאַכט אויף אַלע ימים?

אפשר צוליב אונדזער אומגליק
קעמפן ברידערלעך צוזאַמען:
ווייסע, שוואַרצע, ברוינע, געלע . . .
אַלע ראַסן און קאָלירן,
און אַ וועלט אַ נייע, העלע
מיטן פרייהייטס־קראַנץ באַצירן?

וואַרשע מיט פאַרוויינטן פּנים,
מיט די קברים אויף די ראָגן . . .
וועסט נאָך איבערלעבן שונאים,
וועסט נאָך זען די ליכט פון טאָגן . . .

ניט דערזונגען איז דער היינט,
ווען מען קוילעט אונדז, ווי רינדער . . .
וועלן אָבער מאָרגן שאַלן
פריידיק, זיגעריש — די קינדער . . .

באַמערקונג: פּלאַץ קראַשינסקי און מוראַנאָוו זיינען גאַסן אין וואַרשע.

בריוו פון החלוץ אין פוילן צו דער הסתדרות אין ארץ־ישראל

ווארשע, ו־טער נאָוועמבער, 1943

צו (י.) טאבענקין, (מ.) יערי, (א.) דאָבקין — הסתדרות העובדים

שרייבנדיק די דאָזיקע ווערטער, גלויבן מיר נישט, אז מיר וועלן זיך נאָך ווען־עס־איז זען. ביים היינטיקן טאָג זיינען פון די דריי און א האלב מיליאָן פוילישע יידן איבער־געבליבן קוים צוויי הונדערט טויזנט. ווען איר וועט באקומען אָט דעם בריוו, וועלן מן־הסתם פארבלייבן ביים לעבן נישט מער ווי א העלפט פון זיי. אין דער לעצטער וואָך אליין זיינען ליקווידירט געוואָרן די לאגערן: אין טראווניקי, פּאָניאטאָווא, און לובלין. א פערציק טויזנט יידן זיינען אומגעבראכט געוואָרן.

אונדזערע לײדן וועט איר נישט פארשטיין, אָדער איר וועט נישט גלויבן, אז דאָס געשעט טאקע אזוי, — כדי צו פארשטיין אזוינס זייענדיק אין לאָנדאָן אָדער אין תל־אביב, מוז מען האָבן א קרענקלעכע פאנטאזיע. אלע יידישע לעבנס־געמיינשאפטן זיינען אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד־פּלאָך. זייערע איינוואוינער זיינען אומגעקומען אין די מאָרד־לאגערן אין טרעבלינקע, סאָביבאר, בעלזשעץ און אָשוויענטשים.

כדי עס זאָל פארבלייבן אן אָנדענק פון די, וועלכע האָבן מיט געווער אין האנט געקעמפט קעגן שונא, שרייבן מיר אייך וועגן די לעצטע טעג פון פוילישן החלוץ און פון זייערע יוגנט־אָרגאניזאציעס — דרור (פרייהייט־החלוץ הצעיר), השומר הצעיר, עקיבא, גורדוניה. די געשיכטע פון החלוץ אין אָט דער תקופה איז אין א גרויסער מאָס אויך די געשיכטע פון דער יידישער קאמף־אָרגאניזאציע. אין דער ערשטער צייט פון דער פארניכטונגס־אקציע האָבן עקזיסטירט הונדערטער אונדזערע אָרגאניזאציע־קעמערלעך אין די יידישע ישובים.

פינף קיבוצים זיינען געווען אין ווארשע — צוויי פון זיי, אויף דער ארישער זייט — „גראָכאָוו" און „טשערניאקאָוו"; דריי — אין טשענסטאָכאָוו; צוויי — אין ביאַליסטאָק. עס זיינען אויך געווען קיבוצים אין ווילנע, זשארקי, אָסטראָוויץ, הרוביעשאָוו און בענדין. אויסער דעם האָבן מיר געהאט א גרעסערע צאָל לאנדווירטשאפטלעכע פונקטן פאר סעזאָן־ארבעטן.

אונדזערע קיבוצים זיינען שפּעטער געוואָרן די נעסטן פון אקטיוון ווידערשטאנד אין אלע שטעט. אויב דער באוואָפנטער ווידערשטאנד בעת דער ערשטער ליקווידירונגס־אָקציע אין געטאָ — אין יולי־סעפּטעמבער, 1942 — איז געווען אזוי קנאפּער, טראָגן מיר די ווינציקסטע שולד דערפאר. עס האָבן געווירקט פארשיידענע פאקטאָרן: אויסער־לעכע און אינערלעכע.

אויב די צווייטע „ארויסשיקונגס"־אקציע, אין יאנואר 1943, און באזונדערס די

ענדגילטיקע ליקווידירונגס־אקציע אין ווארשע, אין אפריל 1943, און אויך די ווייטער־דיקע אקציעס אין ביאליסטאק און אין ווילנע און אין טשענסטאכאוו זיינען אריין אין אונדזער לעגענדאריש פרייהייטס־קאמף — איז דער פונדאמענט געווען דער האפנונגס־לאז־העלדישער קאמף פון דער יידישער קאמף־ארגאניזאציע, פאר וועלכן אונדזער באוועגונג האט באצאלט מיטן בלוט פון כמעט אלע אונדזערע מענטשן — קאמענדאנטן און זעלנער פון דער קאמף־אקציע.

פון ווארשע האבן מיר ארגאניזירט די יידישע קאמף־ארגאניזאציע אין די אנדערע שטעט. אונדזערע שליחים האבן אומעטום ארגאניזירט די יוגנט צום באוואפנטן קאמף און זיי אליין זיינען געפאלן אין די דאזיקע קאמפן. אין דער ליסטע, וואס מיר שיקן אייך דא, געפינען זיך נאר נעמען פון אונדזער צענטראלן אקטיוו, וועלכער איז אומגעקומען אין קאמף מיטן אקופאנט. אברהם גוועלבער וועט אייך העלפן פאנאנדערקלייבן זיך אין די נעמען פון די אויסגערעכנטע מענטשן.

ביאליסטאק: מרדכי טענענבוים־טאמאראף, צבי מערסיק, חנה (חנוך) זשעלאזנא־גורא, צבי ראזענטאל, רופטשאק פון סוכאוואליע (ראובן ראזענבערג), זרח (זילבערבערג).

בענדין: הערש שפרינגער, פרומקע פלאטניצקא, צבי בראנדעס.

וואלין: עדעק (יצחק) גאאלונער, פיש לאה, שווארץ שיינדל, רחל פאגעלמאן, אייזענבערג דוד, הירש פלאטניצקי.

ווילנע: אבא קאוונער.

טשענסטאכאוו: רבקה גלאנץ, מאניעק וויניצקי, סלאמניצקי נטע, גליקמאן יהודה (געמיינט: גליקשטיין יהודה).

קראקע: דאלעק (אהרן) ליבעסקינד, לאבאן לייבאוויטש (אברהם לייב), שימעק (שמעון) דרענגער, יצחק סימפלאק.

אין אשוויענטשים געפינען זיך: בעלא פון ראזשישטש — בענדינער קיבוץ, חוהקע פאלמאן, לאנקא קאזשיבראדזקא — לעבט נישט.

אין ווארשע: חנהטשע פלאטניצקא, גדליה גרשוני, יוסף קאפלאן, ישראל זעלצער, לויטעק (לייב) ראטבלאט, מרדכי אניעלעוויטש, לאה פערלשטיין, בערל ברוידע, שאול דאבוכנא, מארעק (מאטל) פאלמאן, שרה גראנאטשטיין, ברעסלער (בראסלאוו) שמואל, רובענטשיק משה, טעמא שניידערמאן, גוטקאווסקי (אליהו), רייננעווירץ מאניעק, צאמע־רעט חדוה (וואכנהויזער צמרת), מרים היינסדארף, מירא פירער (מירא פוכרער), יהודה ווענגראווער, טאסיא אלטמאן, אריה ווילנער, שמעון העלער.

די ליסטע איז נישט קיין פולע. היט זייער אנדענק.

ביז צום היינטיקן טאג פירן מיר אן אקטיווע צוזאמענארבעט מיטן יידישן נאציאנאלן

קאָמיטעט און מיט דער קאָאָרדינאַציע קאָמיסיע פונעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פונעם „בונד", וואָס מיר זיינען געווען זייערע שעפער און איניציאַטאָרן אין דער אַקציע פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד און אויך אין דער הילף־אַקציע.

אין 1942 זיינען אַרויסגעפאָרן קיין סלאָוואַקיע א 60־50 אונדזערע מענטשן. דאָרטן האָבן זיי אָנגעטראָפן א ליקווידירונגס־אַקציע, א טייל פון זיי האָט זיך אַדורכגעשמוגלט קיין אונגאַרן. ווער פון זיי האָט זיך דערשלאָגן קיין ארץ ישראל?

מיר באַמיען זיך ווידער אַרויסצושיקן א געוויסע צאָל יידן קיין אונגאַרן. ד"ר שוואַרצ־באַרט האָט אונדז געשריבן וועגן פאַרבינדונגען מיט בודאַפּעשט. צי דאַרפן מיר דערוואַרטן קאָנקרעטע הילף פון דאָרטן?

לייענענדיק אונדזער בריוו זאָלט איר נישט מיינען, אז מיר האָבן זיך גייסטיק איינגע־בראָכן אָדער מיר זיינען אַריינגעפאַלן אין פאַרצווייפלונג. מיר קוקן נאָר ניכטער אויף דעם אומפאַרמיידלעכן גורל. מיר ווייסן, אז איר וואָלט געטאָן אַלץ כדי צו ראַטעווען אונדז. מיר ווייסן אויך, אז איר זייט מאַכטלאָז. עס איז אונדז לייכטער צו שטאַרבן וויסנדיק, אז עס וועט זיין א פרייע וועלט און גלויבנדיק, אז ארץ ישראל וועט ווערן דאָס היימלאַנד פון יידישן פאָלק.

אייערע צביה (לובעטקין), יצחק (צוקערמאַן)

וואַרשע, דעם 15־טן נאָוועמבער, 1943.

פּ.ס. אליעזר געלער איז אַרויסגעפאָרן אינעם לאַגער פאַר אויסלענדישע יידן אין בערגען ביי האַנאָווער (בערגען בעלזען). מיר האָבן נישט פון דאָרטן קיין שום ידיעות. גיט־צו־וויסן אהובה לובעטקין אין בן־שמן און שרה צוקערמאַן אין רמת־הכובש, אז מיר לעבן.

צבי שנער

„בית לוחמי הגיטאות״

דאָקומענטאַציע-צענטער און מוזיי פאַר אומקום און ווידערשטאַנד אין קיבוץ לוחמי הגיטאות

דער קיבוץ לוחמי הגיטאות, וואָס אויף זיין ערד שטייט דער „בית לוחמי הגיטאות ע״ש יצחק קצנלסון למורשת השואה והמרד״ (דאָס „הויז פון די געטאָ־קעמפער אויפן נאָמען פון יצחק קאַצענעלסאָן פאַרן זכר פון אומקום און ווידערשטאַנד״) איז געגרינדעט געוואָרן אין אַפּריל, 1949. כמעט אַלע זיינע חברים געהערן צו דער שארית־הפליטה פון דער יידישער יוגנט פון פוילן און ליטע. זיי זיינען לעבעדיקע עדות פון דער מאַסן־פאַרניכטונג פון הונדערטער יידישע קהילות און אויך שותפים צום העראָישן קאַפּיטל פון דער יידישער מלחמה קעגן נאַצישן צורר. די חברים פון קיבוץ זיינען אדורך אַלע מדורי גיהינום פון נאַצישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, עס געפינען זיך צווישן זיי אויך געטאָ־אויפשטענדלער — מיטגלידער פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, פּאַרטיזאַנען פון די ביעלאָרוסישע און אוקראַינישע וועלדער, אונטערערד־קעמפער פון פוילן און ליטע, זעלנער פון די באַפרייאונגס־אַרמייען, צווישן זיי אויך פון דער יידישער בריגאַדע פון ארץ־ישראל.

דער געדאַנק צו גרינדן אין ארץ ישראל א קיבוצישן יישוב, וואָס זאָל זיין א מציבה פון אומקום און ווידערשטאַנד, איז אויפגעקומען באַלד אין די ערשטע טעג נאָך דער מלחמה, ווען די געוועזענע אונטערערד קעמפער, וואַלד־מענטשן און געראַטעוועטע פון די פאַרניכטונגס־לאַגערן האָבן באַנייט אין פוילן די חלוצישע באַוועגונג. צו זיי זיינען צוגעשטאַנען אויך צענדליקער פּליטים, וועלכע זיינען בעת דער מלחמה געווען אין ראַטן־פאַרבאַנד און צוריקגעקומען קיין פוילן. א סך פון זיי האָבן זיך באַטייליקט אין דעם נקמה־קריג קעגן דעם נאַצישן צורר אין די רייען פון דער סאָוויעטישער און פון דער פּוילישער אַרמיי. זייער געמיינזאַמע אידייאישע דערציאונג אין איין באַוועגונג, זייער געראַנגל אין די מלחמה־יאָרן און אַלע נסיונות, מיט וועלכע זיי זיינען געפּרואווט געוואָרן שוין נאָך דער מלחמה, אין די די־פּי לאַגערן און אויף די וועגן פון אומלעגאַלער עליה, דאָס אַלץ האָט זיי אויסגעשמידט אין אן איינהייטלעכן געזעלשאַפטלעכן גוף. און ווען זיי זיינען אָנגעקומען קיין ארץ ישראל האָט דאָס א סך פון זיי געפירט אויף א נאַטירלעכן אופן, פרייוויליק אריינצוטרעטן אין פּלמ״ח און אין צה״ל.

מיט דער פאַרענדיקונג פון דער באַפרייאונג־מלחמה, האָבן זיי זוכה געווען צו בויען זייער היים אלס א זעלבסטשטענדיקן ישוב אויפן באָדן פון באַפרייטן גליל, צווישן דער גאָר אַלטער עכו און דער נייער נהריה. ס'ווערט רופט זיך לוחמי הגיטאות אויפן נאָמען פון די געטאָ־קעמפער און אין דעם נאָמען איז פאַרקערפּערט דער ספּעציפישער כאַראַקטער פון דעם דאָזיקן קיבוצישן ישוב. דער זכר פון דער חורבן־צייט איז אָפּגעשטעמפּלט אויפן געזעלשאַפטלעכן אויסזען פונעם ישוב, אין זיין מענטשן־צוזאַמענשטעל, אין דעם קיום פון „בית לוחמי הגיטאות״, אין די יאָר־יערלעכע יזכור־פייערונגען, צו וועלכע עס קומען יעדעס יאָר טויזנטער פון די ישראלדיקע איינוואוינער, נייע און איינגעזעסענע.

צום אַלגעמיינעם בילד קומט אויך צו דער דערציאונג־אַנשטאַלט פאַר ניי־אָנגעקו־מענער יוגנט פון פוילן און מזרח־אייראָפּע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין קיבוץ לוחמי־הגיטאות דורך דער עלית־הנוער. די שול אין דער דאָזיקער אַנשטאַלט טראָגט דעם נאָמען פון גרויסן שרייבער און דערציער, יאַנוש קאָרטשאַק, וואָס איז אומגעקומען אין דער וואַרשעווער געטאָ.



בית לוחמי הגטאות (הויז פון די געטאָ-קעמפער) אין ישראל

שוין אין די ערשטע טעג נאָך זיין גרינדונג, ווען די חברים פון יונגן קיבוץ האָבן זיך נאָך געראַנגלט מיט די צופּאַסונגס־שוועריקייטן צו די נייע לעבנס־באַדינגונגען, האָט מען שוין אָנגעהויבן צו שאַפן דעם דאָקומענטאַציע־צענטער, אין אָנהויב פאַר אן אנשטאַלט וואָס זאָל פאַרשן די אומקום־און גבורה־קאַפּיטלען פון די חרוב געוואָרענע יידישע קהילות און ברענגען זיי צום פאָלק. כאָטש דער קיבוץ איז געשטאַנען פאַר ערנסטע ווירטשאַפטלעכע שוועריקייטן און א סך פון זיינע חברים האָבן נאָך געוואוינט אין געצעלטן, איז אוועקגעגעבן געוואָרן א בנין צו קאָנצענטרירן אין אים די ערשטע דאָקו־מענטן און ביכער, און עס זיינען אויך באַשטימט געוואָרן חברים פאַר סעלעקציאָנירן און איינאָרדנען דעם דאָקומענטאַרישן מאַטעריאַל. די דאָזיקע טעטיקייט איז פאַר די חברים פון קיבוץ געווען אן אויספירונג פון דער צוואה פון די חברים, וועלכע זיינען געפאַלן אין די געטאָס און אין די לאַגערן און א נאַטירלעכער המשך פון דער דאָקומענ־טאַציע־טעטיקייט, וועלכע זיי האָבן אָנגעהויבן נאָך אין יענע טעג, אין דער מחיצה פון מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָף, יצחק קאַצענעלסאָן און ד״ר עמנואל רינגעלבלום.

דאָס הויז האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט, אין ערשטן יאָר פון דער אנטשטייאונג פון קיבוץ און די ערשטע אויסשטעלונג פון ביכער און דאָקומענטן איז געמאַכט געוואָרן נאָך אין אַפּריל, 1950. אָפיציעל איז דאָס הויז געעפנט געוואָרן דעם 19־טן אַפּריל, 1951, אינעם 8־טן יאָרטאָג פונעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ דורכן דערציאונג־און־קולטור־מיניסטער דוד רמז ז״ל, אין דער אנוועזנהייט פון א גרויסן עולם און פאָרשטייער פון רעגירונגס־אנשטאַלטן און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

דער אינסטיטוט איז אָנגערופן געוואָרן אויפן נאָמען פון יצחק קאַצענעלסאָן, דער פריינד פון דער חלוצישער אונטערערד־באַוועגונג אין וואַרשע, דעם באַלאַגער און כראָניקער פון דעם גרויסן חורבן. אויך ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט די יידישע מאַסן אין אושוויץ.

* * *

דער ארכיון, וואָס איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן מיט גרויסע אָנשטרענגונגען אין משך פון יאָרן אנטהאַלט ביים היינטיקן טאָג טויזנטער דאָקומענטן, כתב־ידן און עדות, וועלכע שפּיגלען אָפּ דעם גורל פון יידישן יחיד און פון יידישן כלל אונטערן דרוק פון דער נאַצישער פאַרניכטונג־מאַשין. א ספּעציעלע אָפּטיילונג פאַרנעמט די ליטעראַרישע ירושה פון יצחק קאַצענעלסאָן. זי אנטהאַלט, אין אָריגינאַל, אלע זיינע שאַפונגען, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין וואַרשעווער געטאָ און אין אינטערנירונגס־לאַגער וויטעל, אין פראַנקרייך, ווי אויך בריוו, וועלכע ער האָט געשיקט צו זיינע קרובים אין ישראל און אין אנדערע ערטער. דער ארכיוו פאַרמאָגט טויזנטער פאָטאָגראַפיעס, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן דורך דייטשן גופא, דורך יידן אין אונטערערד, און אויך דורך די פאַרבינדעטע אַרמייען אין די לאַגערן נאָך דער באַפרייאונג. אין „בית לוחמי הגיטאות״ איז אוועקגע־לייגט געוואָרן א יסוד פאַר אן ארכיוו פון דאָקומענטאַרישע פילמען, וואָס באַווייזן דעם יידישן אומקום אין אייראָפּע. דאָ געהערן אויך דייטשע פּראָפּאַגאַנדע־פילמען, פראַגמענטן פון פילמען, וועלכע זיינען פּראָדוצירט געוואָרן דורך די דייטשן אין פאַרשיידענע געטאָס, און אויך פילמען, וועלכע האָבן פאַראייביקט די גרויל־בילדער אין די קאָנצענטראַציע־און פאַרניכטונג־לאַגערן.

א באַזונדער אָפּטיילונג פון „בית לוחמי הגיטאות״ איז געווידמעט בילדער און צייכענונגען, ליטאָגראַפיעס און גראַווירן, סקולפּטורן און אנדערע פּלאַסטישע שאַפונגען, וואָס געהערן צו דער ירושה פון אומקום און ווידערשטאַנד. די זאַמלונג ציילט שוין ביים היינטיקן טאָג א 850 איינסן.

די ביבליאָטעק פון אינסטיטוט אנטהאַלט איצט בערך 10 טויזנט בענדער אין

אַלע שפּראַכן. זי טראָגט א ספּעציאַליסטישן כאַראַקטער און איז באַשטימט צו פאָרשן די צווייטע וועלט־מלחמה בכלל און דעם יידישן אומקום אין אייראָפּע בפרט, אין אַלע זייערע אַספּעקטן.

אויסער דער ביבליאָטעק שטייט צום רשות פונעם פאָרשער אויך א זאַמלונג פון פּרעסע־אויסשניטן, וועלכע האָבן א שייכות צו דער אומקום־תקופה.

דער אַרכיוו פון „בית לוחמי הגיטאות", זיין ביבליאָטעק און די מיטאַרבעטער פון אינסטיטוט האָבן אַקטיוו בייגעטראָגן צו דער גרויסער אַרבעט, וואָס איז געטאָן געוואָרן אין ישראל ביים זאַמלען באַווייזן־מאַטעריאַלן צום אייכמאַן־פּראָצעס.

פאָרש-טעטיקייט

אין ציים פון זיין עקזיסטענץ האָט דער „בית לוחמי הגיטאות" דורכגעפירט עטלעכע פאָרש־אַרבעטן, וואָס זייער געמיינזאַמע אויפגאַבע איז די אויסברייטערונג פון דער דאָקו־מענטירונג־באַזע פאַר דער געשיכטע פון יידישן אַנטי־נאַצישן ווידערשטאַנד אין אייראָפּע.

שטרעבנדיק צו פאָרשן דעם יידישן ווידערשטאַנד אין די פאַרשיידענע אייראָפּייאישע לענדער אויסער פּוילן, האָט דער „בית לוחמי הגיטאות" דורכגעפירט א דאָקומענטאַציע־אַרבעט איבער דעם חלוצישן אונטערערד אין דער אָקופּירטער **האָלאַנד**. די דאָזיקע אונטערנעמונג איז געמאַכט געוואָרן צוזאַמען מיט א גרופּע חברים פון אַמאָליקן האָלענ־דישן „החלוץ", וועלכע האָבן זיך ספּעציעל אָרגאַניזירט פאַר דעם ציל. בסך־הכל זיינען אין לאַנד אויפגענומען געוואָרן 102 עדותן, אויסער אָט די עדותן זיינען געזאַמלט געוואָרן 12 מער אויסשעפּנדיקע כתב־ידן, צווישן זיי טאָג־ביכער פון דער אומקום־ציים און געגנויע באַריכטן וועגן דער אַרויסשמוגלונג־טעטיקייט. די חברים פון אַמאָליקן האָלענ־דישן „החלוץ" האָבן אויך איבערגעגעבן אָריגינעלע בריוו פון די אָקופּאַציע־יאָרן, פאָטאָ־גראַפיעס, געפעלשטע דאָקומענטן, שפּייז קאַרטן און דייטשע אָפיציעלע בלאַנקעטן, מיט וועלכע עס האָבן זיך באַנוצט די אונטערערד־מענטשן פאַר דער רעטונג־טעטיקייט.

מן מאַכט איצט באַמיאונגען צו פאַרפולקאָמען דעם מאַטעריאַל דורך אָפּנעמען עדותן פון האָלענדישע איינוואוינער, דער עיקר, פון קריסטן, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן צו אָרגאַניזירן הילף פאַר די יידישע בירגער פון זייער לאַנד. מען גרייט אויך צו דעם מאַ־טעריאַל פאַר א סינטעטישער באַאַרבעטונג פון אָט־דעם גאַנצן קאַפּיטל.

דער „בית לוחמי הגיטאות" האָט זיך באַמיט צו קאָנצענטרירן מאַטעריאַל וועגן די יידישע פּאַרטיזאַנען און יידישע אונטערערד־קעמפער אין **איטאַליע** און אין **יוגאָסלאַוויע**, וואו עס האָבן נישט עקזיסטירט קיין באַזונדערע יידישע קאַמף־איינהייטן, דאַקעגן איז, פאַרהעלטניסמעסיק, געווען גרויס די צאָל יידן, וואָס זיינען געווען טעטיק אינעם אַנטי־פאַשיסטישן און אַנטי־נאַצישן אונטערערד.

מרים נאָוויטש, א פאָרשטייערין פונעם אינסטיטוט האָט באַזוכט די אַלע לענדער און זי איז געקומען אין א פאַרבינדונג מיט אָפיציעלע אינסטיטוציעס, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט דער געשיכטע פון די מלחמה־יאָרן און, דער עיקר, מיט די יידישע קהילות און זייערע אַקטיווע טוער, זיך געטראָפן מיט א סך געוועזענע פּאַרטיזאַנען און פאַרצייכנט קאַפּיטלען פון זייערע זכרונות.

שוין א לאַנגע ציים ווי מיר פאַרנעמען זיך מיט דעם פּראָבלעם פון יידישע פּאַרטי־זאַנען אין **ליטע**, און ספּעציעל, אין קאָוונער געטאָ. דער דאָזיקער פּראָבלעם איז פאַרבונדן מיטן גאַנצן בינטל פראַגן פון דער אונטערערד־טעטיקייט פון יידישע פּאָליטישע אינסטי־טוציעס אין דער ליטווישער הויפּטשטאָט, פראַגן וועלכע האָבן נאָך נישט געפונען זייער פולע לייזונג און א ברייטע שילדערונג אין דער אומקום־ליטעראַטור.

אַן אַנדערע דאָקומענטאַציע־אונטערנעמונג, באַשעפטיקט עטלעכע צענדליק מענטשן, געוועזענע חברים פון דער סאָסנאָוויצער „הנוער הציוני"־באַוועגונג און זי האָט פאַרצייכנט נייע פּרטים וועגן דער ווידערשטאַנד־געשיכטע פון דער יידישער יוגנט אין פּוילן. אויך אין דעם פאַל זיינען צוגעקומען צו אונדזער אַרכיוו, אויסער עדותן וואָס זיינען פאַרצייכנט געוואָרן דורך א טייפּרעקאָרדער, אויך טאָג־ביכער און קאַפּיטלען זכרונות, פאָטאָגראַפיעס און אַנדערע דאָקומענטן און צייגענישן.

אין לעצטן יאָר האָט די פאָרשטייערין פון אינסטיטוט באַזוכט **גריכנלאַנד** און אַלס רעזולטאַט פון אָט־דעם באַזוך האָט אונדזער אַרכיוו באַקומען נייעם מאַטעריאַל, דאָקומענטן און עדותן, וועגן אומקום פון די יידן אין סאַלאָניקי און אין איר אומגעגנט, און אויך וועגן דעם אָנטייל פון די גריכישע יידן אין דער ווידערשטאַנד באַוועגונג.

פאַרעפנטלעכונגען פונעם אַנשטאַלט

די רעזולטאַטן פון דער פאָרשונג און קאָנצענטרירונג־אַרבעטן זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין א ריי ביכער, אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיטן ביכער־פאַרלאַג פון קיבוץ־המאוחד, וואָס א טייל פון זיי זיינען געוואָרן זייער פּאָפּולער און דערגרייכט א גרויסע פאַרשפּרייטונג.

דאָס ערשטע בוך וואָס מיר האָבן אַרויסגעגעבן איז: „יומנה של יוסטינה" (יוסטינעס טאָג־בוך). זיין אינהאַלט איז די טעטיקייט פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין קראָקאָוו. די שרייבערין פונעם טאָג־בוך, אן אַקטיווע חברטע פון דער אָרגאַניזאַציע, האָט אים געשריבן אין דער דייטשער תפיסה. זי איז אומגעקומען, אָבער דער כתב־יד איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן און ער געפינט זיך אין אַרכיוו פון „בית לוחמי הגיטאות". „יומנה של יוסטינה" איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך אונדז אין א העברייאישער איבערזעצונג צוזאַמען מיט א באַגלייט־וואָרט און באַמערקונגען.

אין יאָר 1954 איז אַרויס די ערשטע אויפלאַגע פון „ספר מלחמות הגיטאות" (דאָס בוך פון די געטאָ־קאַמפן), א ליטעראַרישע אַנטאָלאָגיע רעדאַגירט דורך יצחק צוקערמאַנען און משה באַסאַק, פון וועלכער עס דערגייט צו אונדז די שטים פון יידישן אונטערערד אין פּוילן. דאָס בוך איז צוזאַמענגעשטעלט פון בעסטן מאַטעריאַל, וואָס געפינט זיך אין אונדזערע הענט — עדותן, טאָג־ביכער, דאָקומענטן און פאָרשונגען, לידער און דערציילונגען, וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן אין דער צייט פון אומקום און נאָך אים — איז באַגלייט מיט הונדערטער באַמערקונגען, אן אינדעקס פון נעמען און א רשימה פון מקורות. דאָס בוך האָט שוין דערגרייכט דריי אויפלאַגעס.

נאָך א צוגרייטונג־אַרבעט פון עטלעכע יאָר, איז דערשינען אין יאָר 1956 א נייע פאַרגרעסערטע און אויסגעבעסערטע אויפלאַגע — פון „הכתבים האחרונים" (די לעצטע שריפטן) פון יצחק קאַצענעלסאָן. די דאָזיקע אויפלאַגע אַנטהאַלט סיי די כתבים, געשריבענע אין וואַרשעווער געטאָ און סיי זיינע שאַפונגען אין וויטעלער לאַגער. אין סוף פון בוך, וואָס איז אויך באַגלייט מיט באַמערקונגען און דערקלערונגען, ווערן געבראַכט פּרטים וועגן לעבן און טעטיקייט פון יצחק קאַצענעלסאָן אין דער אומקום־צייט און אויך אן איבערבליק וועגן לעבן פונעם דיכטער און זיין שאַפונג ביזן אומקום.

דער דופק פון יידישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט האָט נישט אויפגעהערט צו קלאַפּן אויף דער אַרישער זייט אויך נאָך דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ. די דאָזיקע טעטיקייט ווערט געשילדערט אינעם טאָג־בוך פון בתיה טעמקין־

בערמאַן, געשריבן אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1944. דעם טאָג־בוך האָט אַרויס־געגעבן דער „בית לוחמי הגיטאות" אין אַ העברייאישער איבערזעצונג אונטערן נאָמען „יומן במחתרת" (אַ טאָג־בוך אין אונטערערד). אויך דאָס בוך האָבן די אַרויסגעבער באַגלייט מיט באַמערקונגען און דערקלערונגען.

דאָס לעצטע פון די עדותן־ביכער, וואָס זיינען דערשינען אין פאַרלאַג פון „בית לוחמי הגיטאות", איז דאָס בוך פון גד ראָזנבלאַט „אש אחזה ביער" (אַ פייער האָט אַרומגענומען דעם וואַלד). דאָס בוך דערציילט וועגן דער אָרגאַניזירונג פון אַ גרופּע יידישע פּאַרטיזאַנען אין די סאַמע ליקווידאַציע־טעג אין אַ קליין יידיש שטעטל אין וואָלין, איר זעלבסטשטענדיקע טעטיקייט צום אָנהויב און איר שפּעטערדיקע איינגלידערונג אין דער באַרימטער פּאַרטיזאַנער בריגאַדע פון קאָווּפּאַק.

אַ גרויסע צאָל שולן, תלמידים און לערער, באַזוכן דעם מוזיי פון אומקום און ווידערשטאַנד אין קיבוץ לוחמי הגיטאות, נישט ווייניק פון די יונגע באַזוכער ווייזן אַרויס אַ לעבעדיקן אינטערעס פאַר דער פּראָבלעמאַטיק פון דער חורבן־צייט. דאָס בוך פון שרה נשמית „ילדים מרחוב מאפו" (די קינדער פון דער גאַס אויפן נאָמען פון מאַפּו) איז אַ דערציילונג וועגן די איבערלעבענישן פון די קינדער אין קאָוונער געטאָ, וועלכע זיינען אין צייט פון מלחמה אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייערע היימען. דאָס בוך דאַרף באַקאַנט מאַכן דעם יונגן לייענער מיט דער תקופה פון געטאָ און פון פּאַרטיזאַנער־לעבן.

כדי צו געבן דעם העברייאישן לייענער די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט די אָריגינעלע דייטשע דאָקומענטן איבער דער פאַרניכטונג פון מיליאָנען יידן, האָט „בית לוחמי הגיטאות" אַרויסגעגעבן ערב דעם אייכמאַן־פּראָצעס אַ דאָקומענטאַציע־זאַמלונג אונטערן נאָמען „הפתרון הסופי" (די ענד־לייזונג). דאָס בוך, רעדאַקטירט דורך צבי שנער, איז פאַרזען מיט אויפקלערונגען און הערות.

צו די אַלע אויבן־אויסגערעכנטע פּאָזיציעס דאַרף מען אויך צוגעבן די ביכער, וואָס דער „בית לוחמי הגיטאות" האָט צוגעהאָלפן אין זייער צוגרייטונג. צווישן זיי איז אויך פאַראַן די ערשטע אַנטאָלאָגיע וועגן דער חורבן־צייט, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1953 און איז געווען באַשטימט פאַרן ישראלדיקן שילער און לערער.

די פּעריאָדישע אויסגאַבע פון „בית לוחמי הגיטאות", וואָס דערשיינט אונטערן נאָמען „ידיעות" פאַרעפנטלעכט דער עיקר דאָקומענטן פון דעם אַרכיוו ווי אויך גבית־עדותן. ביז איצט זיינען דערשינען 22 העפטן פון די „ידיעות". דער דאָזיקער זשורנאַל האָט זיך דערוואָרבן אַ גרויסע לייענערשאַפט. מיר זאָרגן, דער זשורנאַל זאָל שטיין אויף אַ געהעריקער הויך און זיינען זייער אָפּגעהיט ביים ברענגען מאַטעריאַל צום דרוק, אָבער גלייכצייטיק באַמיען מיר זיך די „ידיעות" זאָלן טראָגן אַ פאָלקס־כאַראַקטער און זיין פריי פון איבעריקן וויסנשאַפטלעכן אַפּאַראַט.

אַ חוץ די „ידיעות" ווילן מיר דערמאָנען נאָך די צוויי זאַמל־ביכער „דפים לחקר השואה והמרד" (בלעטער צו פאָרשן דעם אומקום און דעם ווידערשטאַנד"), וואָס דער „בית לוחמי הגיטאות" האָט אַרויסגעגעבן בשעתו. אין די „דפים" זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַרטיקלען, דאָקומענטן, ביבליאָגראַפישע רשימות און קריטישע אָפּהאַנדלונגען.

דער „בית לוחמי הגיטאות" האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ בראָשור אין דער ענגלישער שפּראַך. דאָס איז אַ זאַמלונג פון דאָקומענטן און אַרטיקלען וועגן דעם אומקום פון אייראָפּייאישן יידנטום, און דער עיקר וועגן דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין פּוילן און אין אַנדערע אייראָפּייאישע לענדער.

דער מוזיי

אין צענטער פון טעטיקייט פון „בית לוחמי הגיטאות" שטייט דער מוזיי פון אומקום און ווידערשטאנד. די אויפגאבע פון דער פערמאנענטער אויסשטעלונג אין מוזיי איז — צו אילוסטרירן און פלאסטיש שילדערן די שיטות פון די דייטשע רציחות, די לעבנס־באדינגונגען אין די געטאָס, דעם גרויל־רעזשים אין די לאגערן און דעם יידישן ווידער־שטאנד, דעם ביטערן געראנגל פון די יידישע אונטערגרונט־קעמפפער קעגן די פארניכטער פון יידישן פאָלק. ביז איצט האָבן דעם מוזיי באזוכט א פערטל מיליאָן מענטשן — נייע עולים פון אלע גלות־לענדער, לאנג־איינגעזעסענע בירגער פון אלע עקן לאנד, זעלנער און יוגנט, טוריסטן פון פארשיידענע לענדער מענטשן פון דער וויסנשאפטלעכער און ליטעראַרישער וועלט, יידן און נישט־יידן.

פאר א סך שול־קלאסן און יוגנט־אָרגאניזאציעס איז דער באזוך אין מוזיי פון „בית לוחמי הגיטאות" פארבונדן מיט זייער לער־פלאַן. באזונדערס וואקסט די צאָל באזוכער ערב דעם נאציאָנאלן געדענק־טאָג, אין חודש ניסן, אָבער אויך א גאנץ יאָר איז דער שטראָם פון באזוכן גענוג גרויס. היי־יאָר, אין שייכות מיטן אייכמאן־פּראָצעס, זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אין מוזיי א ריי סעמינארן און קאָנפערענצן פאר לערער און שילער פון העכערע קלאסן.

אויסער דעם סטאבילן מוזיי אין קיבוץ לוחמי הגיטאות, אָרגאניזירט דער אינסטיטוט אויך פארשיידענע אויסשטעלונגען אין די שטעט, אין פארשיידענע דאָרפישע יישובים, אין מיליטער־באזעס, גרויסע פאבריקן, אא"וו.

דער „בית לוחמי הגיטאות" האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אין א צייטווייליקן לאָקאַל, וואָס איז נישט געווען פאסיק פאר זיינע אויפגאבן. מיט זיבן יאָר צוריק האָט מען אָנגע־הויבן בויען א נייעם בנין פארן אינסטיטוט און אין אפריל, 1959, צום 16־טן יאָרטאָג פון אויפשטאנד אין ווארשעווער געטאָ, איז דער ערשטער פליגל פון נייעם מוזיי איבער־געגעבן געוואָרן דער עפנטלעכקייט. דער בנין באשטייט פון פיר אויסשטעל־זאלן. איין זאל איז געווידמעט דער טעמע: „די געטאָס — די ערשטע סטאציע פון פארניכטונג", דער צווייטער דאקעגן איז געווידמעט געוואָרן די קאָנצענטראציע־און פארניכטונגס־לאגערן. אין צענטער פון דאָזיקן זאל איז אוועקגעשטעלט א מאָדעל פון פארניכטונגס־לאגער טרעבלינקע. אין דריטן זאל איז איינגעאָרדנט געוואָרן א צייטווייליקע אויסשטעל־לונג פון קונסט־שאפונגען, וואָס זיינען פארבונדן מיט דער תקופה. דער פערטער זאל אין דעם פליגל וועט שילדערן דעם אויפשטייג פון נאציזם אין אייראָפּע און די אנטיסע־מיטישע פּראָפּאגאנדע, וואָס האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאר דער פארניכטונג פון יידישן פאָלק אין אייראָפּע. איצט זיינען אין דעם זאל אויסגעשטעלט מאטעריאלן און דאָקומענטן איבער דער נעאָ־נאציישער באוועגונג אין דייטשלאנד.

אויך דער צווייטער פליגל פון הויז איז שוין אויספארענדיקט. דאָ וועט זיך געפינען אן אויסשטעלונג וועגן דער יידישער ווידערשטאנד־באוועגונג אין דער אָקופּירטער אייראָפּע, די ליטעראַרישע ירושה פון יצחק קאצענעלסאָן און אויך א שטענדיקע קונסט־אויסשטעלונג. אין דעם פליגל וועלן זיך אויך געפינען דער ארכיוו און די ביבליאָטעק פונעם אינסטיטוט.

* * *

ניט געקוקט אויף די שווערע ארבעטס־באדינגונגען, האָט זיך דער „בית לוחמי הגיטאות" אנטוויקלט אין משך פון די יאָרן פון זיין עקזיסטענץ און זיך איינגעוואָרצלט

אין אלגעמיינעם בילד פון קולטור־לעבן אין ישראל. מיר האָבן זיך באמיט אויסצוהאלטן א פערמאנענטע פארבינדונג מיט די פאָלקס־מאסן, מיט די זין פונעם דור, וואָס פאר זיינע אויגן איז געשען דער אומקום. מיר האָבן פארפעסטיקט אונדזערע פארבינדונגען מיט די געראטעוועטע פון חורבן, מיט די אונטערערד־קעמפער און פארטיזאנער, מיט די אלע, וועלכע טראָגן אויף זייערע קערפּערס און אין זייערע נשמות די זכרונות פון די גרויל־טעג און פון יידישער גבורה.

די געשיכטע פון אומקום און ווידערשטאנד האָבן מיר געבראכט פארן עולם אין א קלאָר־מאכנדיקער אויסשטעלונג, אין אן ערנסט בוך, וואָס איז צוגענגלעך פאר אלעמען, אין א זשורנאל, וואָס איז פארשטענדלעך פארן פשוט'ן לייענער. נישט נאָר דעם חורבן האָבן מיר זיך באמיט צו פאראייביקן, ווייל נישט נאָר אומקום איז עס געווען. אין די אויסשטעל־זאלן פון אונדזער מוזיי, אויף די עמודים פון אונדזערע ביכער און פעריאָדישע אויסגאבעס, ווילן מיר טאקע ווייזן דעם יסורים־פולן וועג פון יידישן פאָלק אונטער דער נאצישער אָקופאציע, אָבער אויך דאָס לעבן פון געראנגל און שאפן. ווייל אויך אין די יאָרן, ווען דאָס פוילישע יידנטום און די אנדערע יידישע ישובים האָבן געצאפּלט אין די רויבערישע, גזלנישע הענט פון היידריכס און אייכמאנס הענקער, האָט נישט אויפגעהערט צו שלאָגן דער קוואל פון יידישן דענקען און פון יידישן אָרגאניזירטן ווילן. אונדזערע לייענער און באזוכער ווילן מיר באווירקן אין גייסט פון האס צו די שווארצע כוחות, וועלכע האָבן געבראכט אויף אונדז דעם ביטערן אומגליק און אין גייסט פון דרך־ארץ און ליבשאפט צו די מיליאָנען יידן, וועלכע זיינען אומגעקומען פון דער נאצישער פאר־ניכטונגס־מאשין. מיר באמיען זיך דערמאָנען און דערציילן וועגן די פארשיידענע פאָרמען פון יידישן אנטקעגן־שטעלן זיך די פארניכטונגס־פּלענער פון די דייטשע רוצחים, וועגן דער סאָציאלער אליינהילף אין די געטאָס, וועגן דער קולטור־ארבעט און פאָליטישער טעטיקייט, וואָס איז געפירט געוואָרן אין אונטערגרונד. ווייל כולם ווילן מיר האלטן פריש דעם זכר איבער דעם יידישן באוואפנטן קאמף אין די געטאָס, איבער דער גבורה פון די יידישע געטאָ אויפשטענדלער אין ווארשע און פון די יידישע קעמפער אין אנדערע שטעט. מיר האָבן זיך באמיט צו ראטעווען פון פארגעסן די גבורה פון יידישן פארטיזאן און וואלד־מענטש, וועלכן ס'איז אויסגעקומען צו פירן זיין מלחמה אין באדינגונגען, וואָס קיין שום אנדער פאָלק האָט זיי נישט געקענט.

Most of the materials in this book have been compiled at the

"KIBUTZ LOCHAMEI HAGETAOTH"
(Kibutz of Ghetto Fighters)

Israel - 1961

Published by

ORGANIZATION OF JEWS FROM POLAND
TORONTO - CANADA